ס'איז א סברא פשוטה, אמת. ער זאגט א סברא פשוטה. ס'איז א סברא פשוטה. נישט, מ'דארף וויסן וואס ס'איז באמת פשט. פארוואס הייסט עס "קידושא רבא"? און ווען מ'וועט וויסן וואס הייסט "קידושא רבא", וועט מסתמא די פראבלעם ווערן געסאלווד. פארוואס הייסט עס? וויאזוי קען מען עסן? איך פרעג דיך, וויאזוי איז דאס מעגליך? איך ווייל דיך פרעגן א צווייטע שאלה. א מענטש מעג טרינקען וויין פאר קידוש? ס'מאכט נישט קיין סענס צו זאגן דאס, אמת? ביינאכט מאכט עס נישט קיין סענס, רייט? רייט. סאו, ס'קען מאכן סענס למשל אז ער טרינקט וויין נישט ביים טיש, נישט במקום סעודה. ער טרינקט א כוס וויין נישט לעבן די סעודה, מ'מעג, מ'מעג מאכן קידוש נישט במקום סעודה, מ'איז נישט יוצא. אזוי וועט ער מאכן ווי א בעל זכרון. ס'איז נישט קיין עבירה. ער דארף נאר נאכאמאל קידוש ווען ער מאכט א סעודה. פארגעסן די זאכן, גיין קידוש זעהן במקום סעודה, אמת. אבער בקיצור, איך האלט אז מ'דארף פסק'ענען ווי די רמב"ם. די רמב"ם מאכט א זאך סענס. פשוט לחם משנה, הוסיף שלישית קודם הסעודה.

**נפקא מינה למעשה – עסן פאר'ן ליינען**

איך וויל ארויסברענגען דאס למען הנפקא מינה. אבער דו ווייסט אז איך האב נאך א ראיה. ער ברענגט טאקע די שו"ת הרמב"ם, ער ברענגט דארט אז מ'קען נישט עסן קיין זאכן פארן עסן. למען הנפקא מינה, פאר די אלע אידן וואס עסן ביים ליינען אדער וואטעווער אינדערפרי נאכן דאווענען, לאמיר זאגן. דעמאלט איז דא אלע חקירות וואס איז די מקור בכלל. פון ווען הייבט זיך אן די חיוב קידוש אינדערפרי? יא, פון די ליינען, פון די דאס. דערפאר דארף מען בכלל נישט אנקומען צו די גאנצע זאך, ווייל די רמב"ם זאגט, ווען דו עסט, דאס זאל זיין די קידוש. וואס איז די פראבלעם? יעצט מאכסטו קידוש על מיני מזונות, און דו האסט הנאה.

**Speaker 2:**

ער מאכט טאקע א שאלה. יענער מאכט זיך געווענליך א שקל שבת אינדערפרי. סא וואס איז דאס ממש... ער עסט זיכער, דעמאלטס איז נישט קיין שאלה, ער עסט, ער מאכט נאר זען אז די עסן איז דא.

**Speaker 1:**

דער שינאווער רב האט געזאגט אז אויב מ'טרינקט פאר'ן דאווענען, פרויען האט ער געזאגט, אויף א מאן אויך, מ'וועט זען באלד, זאל מען מאכן קידוש אויף די קאווע. אבער ס'זעט דא אויס ווי דער גאנצער קידוש איז דער בורא פרי הגפן.

**Speaker 2:**

אקעי, ער האט געזאגט אז מ'קען מאכן קידוש אויף קאווע, לויט די מנהג אין... חמר מדינה.

**Speaker 1:**

יא, ס'שטייט נישט חמר מדינה אויף קידוש אין רמב"ם, ס'שטייט נאר אויף הבדלה, אבער מ'וועט זען באלד. נישט קלאר. אבער דער מנהג אין גאליציע וכו' וכו'.

**פשט אין "קידושא רבה" – צולייגן א כוס וויין**

אבער ס'איז נחמד'דיג, ווייל לויט די רמב"ם לכאורה די ווארט איז, די עצם צולייגן א כוס וויין במקום וואו ס'פעלט נישט אויס, דאס איז די קידושא רבה. ס'טייטש, ווייל נישט דעם איז עס סתם א פרישטאג. אה, ער איז יעצט הונגעריג צופרי, ס'איז נאכ'ן דאווענען, עסט ער. ער לייגט צו א כוס וויין, דאס געבט עס א חשיבות, דאס ווערט גערופן קידושא רבה. און מיט דעם איז ער מקדש דעם טאג, ער מאכט א חשיבות פאר'ן טאג מיט'ן אנהייבן מיט א כוס וויין.

סא אויב אזוי, ער הייבט אן מיט אפשר א קליינע בראנפן גלעזל, ווען ס'איז דא א... ער זאגט נאכדעם "ברוך אתה ה' מקדש השבת", קיין חשיבות איז נישטא קיין פראבלעם, וואס דארפסטו? דו האסט דאך שוין די קידוש פון ווערטער. ס'שטייט אין ספרים, אבער ס'איז נאך אלץ.

ס'קומט אויס א פאני זאך אז קידוש היום איז אסאך מער חמור ווי קידוש הלילה, ווייל דו מאכסט א קידושא רבה. אה, קענסט דעי תורה, פון דעם ווייל מ'טרינקט, ווייל מ'דארף טרינקען. ביינאכט דארף מען נישט טרינקען, ס'איז נישט קיין קידושא רבה. לויט דעם דארף מען טרינקען, איז עס א גרעסערע קידוש.

**מעשה פון דינובער רב ביי ריזשין**

ס'איז געווען א חסיד'ישע... א דינובער רב נפתלי'לע, עפעס א ראפשיצער אייניקל איז געקומען צו ריזשין, האט ער אים געפרעגט וועלכע סעודה איז ביי אים די גרעסטע ענין געווען שבת. ער האט אים געזאגט, לויט די קבלה איז דא א מחלוקת, דריי מדרגות, דריי בחינות. ער זאגט אז ביי אים איז די גרעסטע סעודה געווען שבת אינדערפרי, ווייל מ'האט זיך געטרונקען, מ'האט געקענט מאכן קידוש אויף בראנפן, איז ער געווען מער פריילך.

**Speaker 2:**

עניוועיס, קידושא רבה, "דבעי טעימא מידי". "חמרא טבא דבעי טעימא מידי".

**Speaker 1:**

יא, זייער גוט. שוין, יא, ס'לוינט זיך ווייטער. עד כאן האבן מיר געלערנט. אה, נאך איין הלכה. עד כאן, פארקערט, אויב אזוי, אז די וואס האבן געטרונקען בראנפן איז געווען אפשר א שטיקל א חומרא, ווייל ביינאכט האט מען מקיל געווען מיט יין מגתו, ס'מאכט נישט קיין שמחה, מ'איז יוצא, ווייל מ'זאגט דאך "מקדש השבת". צופרי, פאר די מענטשן וואס האבן נאר געהאט יין מגתו, האט מען געזאגט, "נא, יעצט נעם עפעס א גוטן, עפעס וואס מאכט די שמחה, דאס מאכט די חשיבות פאר די סעודה."

**דיגרעסיע – גרעיפ דזשוס און מאנישעוויץ**

**Speaker 2:**

איך ווייס נישט קיין ענין אז צדיקים האבן געטרונקען גרעיפ דזשוס ביי קידוש. צופרי? ביינאכט, אלעס גוט. א צדיק, דו קענסט אפשר א רבי'ן וואס מאכט קידוש אויף גרעיפ דזשוס?

**Speaker 1:**

ניין, איך ווייס נישט. אקעי. די מורא מאכט קידוש אויף... גרעיפ דזשוס איז דאך א גאנץ א נייע זאך, ווייל ס'ווערט קאליע שנעל. מאסט ווערט קאליע אן א פרידזש, אן פרעזערוועטיווס, סאו ס'איז נישט קיין מציאות'דיגע זאך.

איך האב אמאל געהערט אז פארוואס איז דא די שאלה פארוואס אין אמעריקע, פארוואס דער עולם איז געוואוינט פאר אייז? ווערט אידן שבת, קידוש. איך האב געזען א חסידיש'ער איד האט געזאגט אז ער האט גע'טענה'ט אז די מאנישעוויץ וויין וואס מ'פלעגט טרינקען אין אמעריקע אויף שבת, דאס האט געמאכט דעם עולם אפפאלן. עניוועי, ווען ער וואלט ווען גע'טענה'ט אז די מאנישעוויץ איז געפילט מיט אייז, וואלט ער פארשטאנען בעסער.

## :Speaker 2

יא, וואלט ער געזען אז ס'איז דאך א מצוה.

## :Speaker 1

יא, אקעי.

### הלכה י"ד (ל') – קידוש והבדלה מבעוד יום

קיצור, ווייטער. י"ד. מיר האבן געלערנט אז מ'דארף מקדש זיין שבת. דער רמב"ם האט געלערנט אז בכניסתו וביציאתו איז דא קידוש והבדלה. זאגט אבער דער רמב"ם אז ס'איז דא אין דעם א קאנדישאן: מ'קען יא מאכן אפילו לפנות שבת. יא, **"יש לו לאדם לקדש על הכוס ערב שבת מבעוד יום, אף על פי שלא נכנסה השבת, וכן מבדיל על הכוס מבעוד יום, אף על פי שעדיין הוא שבת."**

### דער רמב"ם זאגט נישט אז מ'דארף מקבל זיין שבת

סאו, דרך אגב, דער רמב"ם זאגט נישט – איך וויל נאר דאס ארויסברענגען, ווייל יעצט איז דער זומער, דער עולם מאכט ערלי שבת, א חלק עולם – דער רמב"ם זאגט נישט אז מ'דארף מקבל זיין שבת דעמאלטס. ער זאגט, מ'קען מאכן קידוש אויף שבת נאך פאר "לא נכנסה השבת". ער זאגט אויך נישט קיין תנאים, ס'דארף זיין פאר די פלג, נאך די פלג, פאר מנחה. ער זאגט נישט ווען, אבער ער זאגט, ס'קען זיין א זייער לאנגע צייט פריער.

## :Speaker 2

ניין, פארוואס נישט? ווייל דער רמב"ם זאגט, פארוואס האבן מיר געלערנט אז מ'קען... הבדלה, למשל, קען מען זאגן ביז דינסטאג.

## :Speaker 1

יא? ניין, בדיעבד. לא בירך. קוק, קוק, לאמיר ענדיגן קודם די שטיקל, ווייל ס'זעט אויס ווי א שטיקל סתירה. ווייל דא זאגט ער מבעוד יום. וכן מבדיל על הכוס מבעוד יום אף על פי שעדיין הוא שבת, **שמצות זכירה לאומרה בין בשעת כניסתו ויציאתו**, די מצוה פון זכירה איז מכבד צו זיין די שבת בכניסתו וביציאתו, **בין קודם לשבת במעט**. ס'איז אויך אקעי אז מ'טוט עס אביסל פאר די צייט.

### וואס מיינט "במעט"?

## :Speaker 2

וואס דער רמב"ם האט געזאגט "במעט", מיינט ער נישט סתם אין די וועלט אריין.

## :Speaker 1

ניין, אבער ס'דארף האבן עפעס א מקשר, אז איינער מאכט פרייטאג צופרי מאכט ער קידוש, מיט וואס איז ער מכבד די שבת? פארשטייסט? ס'איז נישט קאנעקטעד מיט די שבת, און דו זעסט אז ס'האט עפעס מיט די שבת.

## :Speaker 2

יא, איך פארשטיי! דער רמב"ם זאגט דאך "במעט". ער מיינט דעם "במעט" מיינט ער ארויסצוברענגען אז נישט פשט אז ווען ס'איז חל שבת דארף מען דארפן. ווען ס'קומט, ווען קומט עס? מ'זאגט שבת דאך היינט, פרייטאג אויף צונאכטס קומט שבת. מ'רעדט ווען קדושת השבת איז דא צו קומען.

## :Speaker 1

יא, איך פארשטיי. מ'קען שוין פארשטיין די פוסקים וואס האבן געוואלט מאכן א צייט אויף דעם "במעט", און זיי זאגן פלג המנחה. אבער איך זע נישט אז ס'איז אזוי מוכרח. מ'קען דאך זאגן אזוי, פארוואס מאכט מען ערב שבת? ווייל זיבן אזייגער, זעקס אזייגער, איז שוין א נארמאלע טאג, מ'עסט שוין דעמאלטס סאפער. סאו דעמאלטס איז שוין ערב שבת. ס'איז דאך בכלל א סברא, ס'איז דא מענטשן וואס טענה'ן אז אפשר דארף מען בכלל נישט מזמן מלאכה, ווייל אמת, על פי הלכה גייט עס מיט די שקיעה, אבער אונזער סדר החיים גייט דאך נישט מיט די שקיעה. סאו ס'איז דאך א בחינת שבת. וואס מאכט אויס אז היינט קומט שבת? פארשטייסט? איך זע נישט אז מ'דארף אזוי זוכן.

קיצור, איך ווייס שוין, ער ברענגט אז אין שו"ת מהרי"ל שטייט פלג המנחה, איך ווייס נישט, מ'דארף קוקן וואס איז דער מקור דערפון, אבער אין רמב"ם זע איך נישט אז ס'זאל שטיין. פארשטייסט וואס איך זאג?

## :Speaker 2

רייט. ס'זעט אויס אז ווי דו זאגסט, איך בין מסכים אז ס'קען נישט זיין פרייטאג אין דער פרי זעקס אזייגער. אבער ס'קען זיין אז דער רמב"ם וואלט אויך מודה געווען אז אויב מ'טוט נאך די מלאכה, ס'איז עפעס אזא... ווייל די קידוש קלעבט נישט מיט די שבת.

## :Speaker 1

איך בין נישט מסכים, מ'מעג טון נאך די מלאכה.

### פראקטישער פלאן – סעודת שבת פאר די קינדער פרייטאג נאכמיטאג

איך טראכט צו טון אזוי, ווייל פאר מיין ווייב און מיינע קינדער וואס גייען שטארק איין שלאפן זענען זיי שטארק מאכן ערב שבת, איך האב נישט די כח דערצו. איך טראכט אז איך האב אן איידיע, לויט מיין חידוש, אם יסכימו עמי גדולי הרבנים, איך וויל טענה'ן אז מ'קען מאכן די סעודה און נאכדעם גיין אין שול. אונז דאווענען דאך אין שול אכט דרייסיג מנחה די וואך, סאו מ'קען שוין זיין נאך די גאנצע סעודה. מ'קען מאכן קידוש מיט א ברכה, פראווען א סעודה מיט די קינדער, די קינדער גייען שלאפן די קינדער, און גיין אין ביהמ"ד זאגן קבלת שבת. וואס איז די טעות? ווער זאגט אז די סעודה קומט נאך כבוד השבת?

אמת, דאס איז לכאורה אמת, ווייל דער רמב"ם גייט זיך קלאר זאגן נאך אביסל אז מ'קען זיין פטור מיט א פת ומקדש. ס'דארף נישט זיין אז ס'איז א מצב פון... אבער ס'איז דא אנדערע הלכות אז מ'טאר נישט זיך זעצן עסן א סעודת קבע פאר מנחה, נישט פאר מעריב.

## :Speaker 2

אמת, אויף דעם דאך ווייסטו אז מ'קען מאכן א שומר, ס'איז אן אנדערע זאך.

## :Speaker 1

אמת. אז ס'איז דא אפשר ווען מ'טרינקט, ס'איז דא... מ'זאל נאר טרינקען גלייך פאר'ן עסן וועגן פאר'ן דאווענען וועגן שמא ימשך. אקעי, מיר טרעפן... פאר יענעם, פאר יענעם, פאר יענעם, קען מען טרעפן א תירוץ.

## :Speaker 2

ניין, אבער די זאך... ס'קען אבער יא זיין, אז אויב ס'איז אין א וואכעדיגע... חוץ שבת איז איין זאך, יעצט רעדט ער פון... סאו, אבער דאס וואס דער רמב"ם זאגט דא, "אף על פי שלא נכנסה השבת לקדש על הכוס", ס'איז קלאר, ס'איז שווער צו זאגן אז א מענטש וועט שטיין מיט זיינע וואכעדיגע בגדים, ער האלט זיין סטאר אפן, און ער זאגט עפעס א ברכת קידוש, און נאכדעם גייט ער נאך אן אפאר שעה אין די וואכן. ווייל די קידוש האט גארנישט מיט די שבת. בקל וחומר אז די שבת איז נאך עפעס א געוויסע צורה, אז ער מכבד די שבת, ער ברענגט ארויס די קדושת השבת. אויב ס'האט נישט קיין שייכות, ס'קלעבט נישט די שבת מיט די קידוש השבת, זע איך נישט די ראיה. איך זע נישט די ראיה. ספעציעל אויב ס'איז א שטיקל ברכת המצוות, ס'איז א שטיקל ברכת המצוות, איז א שיינע תורה.

### Speaker 1:

איך בין נישט מחולק. איך בין מסכים. ניין, פארוואס? ביי הבדלה, לאמיך ברענגען א ראיה פון הבדלה. הבדלה, מ'קען טון מלאכה פאר הבדלה, אמת? אמת, מ'דארף זאגן ברוך המבדיל, מיר האבן עס געזען. ס'איז נישט קיין פראבלעם. ער ארבעט שוין וואכנ'ס פאר צוויי שעה, יעצט מאכט ער הבדלה, ווייל יעצט איז ער אנגעקומען צו די ווין. ס'איז נישט משובח, מ'איז זוכר שבת.

#### הרב בלומענקראנץ'ס דיוק

ער ברענגט וועגן דעם, ער זאגט, הרב בלומענג, וואס איז מדייק געווען אין רמב"ם אזוי ווי מיר, אונז זענען חסידים פון הרב בלומענג'ס ספר, און ער זאגט אז ס'שטייט נישט אין רמב"ם דאסווארט שבת, ס'שטייט "לא שבת", און ער פרעגט, ער זאגט אז טאקע אין בית יוסף שטייט אין רס"ח אז דער רמב"ם האלט נישט אז ס'איז דא א חיוב פון תוספת שבת, אבער די פוסקים זאגן אז אויב מ'זאגט "ברכו" אדער מ'זאגט "בואי נקדש" איז חל קדושת השבת. דער רמב"ם גייט וואלט שטיין, דער רמב"ם גייט אויך זאגן, אויב מ'האט שוין געזאגט "בואי נקדש", ער רעדט וועגן, אויב מ'האט... אקעי, נאך א פראבלעם, מ'רעדט אויף פאר א... ער זאגט נישט די פראבלעם. ער זאגט תירוצים.

#### מסקנא

איך מיין אז די רמב"ם, לויט ווי איך פארשטיי די רמב"ם, קען מען רואיג טון מיין פלאן, מאכן פרייטאג נאכמיטאג א סעודת שבת פאר די קינדער מיט קידוש. די ערגסטע זאך קען מען מאכן נאכאמאל קידוש נאכדעם.

### Speaker 2:

ניין, דאס בין איך נאך מסכים. אבער אויב מען טוט מלאכות אינצווישן, ווייס איך נישט צו די קידוש מיט די שבת קומען אין די זעלבע צייט. איך זאג נישט פאני, איך זאג די רמב"ם.

## קידוש פריער מאכן און הלכות קידוש והבדלה באמצע סעודה

#### דיון: קען מען מאכן קידוש פרייטאג נאכמיטאג?

### Speaker 1:

ער זאגט תורה תירוצים, איך מיין אז לויט ווי איך פארשטיי די רמב"ם קען מען רואיג טון מיין פלאן, מאכן פרייטאג נאכמיטאג א סעודת שבת פאר די קינדער מיט קידוש. דער חכם קען מיינען, אויף די ערגסטע זאך קען מען מאכן נאכאמאל א קידוש נאך די רמב"ם. די קידוש איז א חשיבות פון די שבת, ער דארף האבן עפעס א שטארק וואס די צוויי זאכן. אויף דעם זאגט די רמב"ם, אז ענליך נמי, אבער בעיקר איז תוספת שבת, נישט די מינוט וואס ס'קומט אריין.

די רמב"ם מיינט, די ארום די טייט, כוסם למים. איך מיין אזוי ווי איינער זאל גיין אונטער די חופה א פאר שעה פאר די חתונה מאכן א ברכה על הכוס, אויב א גבי שפעטער האט ער מאכן די חסידי קידושין. איז נישט אזוי, עס איז דארף די חשיבות פון די שבת קומט אריין, א חשיבות פון די שבת האט עצורה און מקוה איז מיר שוין געגאנגען. א מקוה איז א הכנה, מקוה איז מיר זאל געזאגן און אנדערע זאכן, איך ווייס נישט. עפעס א עלע חיים פאר שבת מעג מען טריק, ווייסט אז די מינוט האבן טריקט א מיט קיצור. איך זעה נישט אז איך פארשטיי מיט די זאגט, באט איך זעה נישט עפעסל א מחרה. א ספרים.

אקעי, יעצט גיימיר לערנען. וואס זאל מיר א איד, איז אינטערשאנט אייער, אלע הלכות. דא רעדן בכלל נישט מען גיין אין שטול, נישט עיר השבת, נישט מאטור שבת. קיינער גייט נישט אין ביסמדרש דער גאנצע קיין מיט מיט מיט מיט מיט.

### Speaker 2:

יא, יא. מיושא אוכל, עיר שבת.

### Speaker 1:

א אידע... עס האבן דארף געלערנט, אז פריי צו נאכט, צו זיינע וויניגער מענטשן גיין אין בית מיט' State. וועגן דעם האבן מורא דמש וואס זאלעפן זעלטן א מענטש וואס גייט אהיים, גדעדנקסטו דאס א זאך א גוטייער? פאר דעם זאגט מען בעכסט מענט שפע, אבער איך דענק דאס צו זושטייט עפעס, איך דענק איבער עפעס דארפן נאכקוקן מען קען נישט יעצט, עפעס איז געשטאנען. יא, מושבי אוכל ערב שבת, עוד עס איז געשטאנען.

אבער איך גלייב נישט, איך גלייב וועז ר' יצחק איז געווען מאכן קידוש, און דער מום כאפט מען אזא קידוש עס איז א שבת, ער האט פארגעסן פון די גאנצע וועלט, און ער האט שוין אריינגיין אין די שבת. אבער דאך, מ'וואלטסטו דאס ווארטן נישט איך. וואס קען שוין זיין? אויב איז דא א צורך, איז דאך דא. ס'מאכט זיך אזעלכע צרכים, ס'מאכט זיך אזעלכע זאכן. אדרבה, קען זיין ס'איז גערעכט.

איך האב סתם מיין אינטערעס אז איך דארף אנהאלטן די שול'ס מנין, סאו פאר דעם קען מען זיך זיכער.

#### דיון: איז דא אן איסור צו מאכן קידוש פריער?

### Speaker 1:

און וואס די איסור פון מאכן קידוש פריער איז נישט קיין איסור.

### Speaker 2:

ניין, ס'איז דאך די... אדרבה, סתם האט עס צוטון מיט די גאנצע שטיקל וואס הייסט קבלת שבת, ווען איינער נעמט ארויס די גאנצע שטיקל לכה דודי נאך מנחה דאווענען ביי מעריב. אבער וואס איך וויל זאגן איז אזוי, ווייל די אלע מענטשן וואס מאכן ערלי שבת מעריב צו פרי, איז אסאך מער מפוקפק ווי קידוש פריער, וואס איך וויל זיי ארויסברענגען.

### Speaker 1:

סתם מעריב פרי, איז דאך תוספות וואס זאגט א תירוץ, און מ'מעג דאווענען מעריב. זייער גוט. אבער קידוש, ס'איז נישט דא קיין תנאי, לכל הפחות לויט די רמב"ם, לויט פשטות, איז... מ'קען מאכן נאך פריער. אנשטאט פון מאכן די דוחק'דיגע בדיעבד צו דאווענען מעריב אזוי פרי, זאל מען נישט דאווענען מעריב, זאל מען לאכן א סעודה נאכ'ן דאווענען מעריב.

### Speaker 2:

וואס האט איינס מיט'ן צווייטן? די קידוש שיעור הייבט זיך אן נאך מעריב.

### Speaker 1:

אזוי, אלעס איז דא שיעור, פראג מיר פארמיטאג וואס ס'איז נישט א מיט די קינא. ס'איז דא טו עמו' וואס מיר טירט. ס'איז דא ניקסט עניוועי, עס וויגט עס נאר טו עמו', מע וואשט זיך נישט. טו עמו' איז אויף איינע פון די לענגסטע מצוות פאר א גאנץ פרייטאג. וואס מ'עסט, הייסט טו עמו'.

שוין, אין קורצן, איך טראכט אז די אידיע איז דא. ווייטער, שוין, איך האב פארפאלן מיין סקריפט מאכן פון די שטיקל פונקט, עפעס א קליפ. יצחק האט געזאגט אז מיר זאלן פארן נאכ'ן שבת סעודה אין שול. אקעי, גיי מיר שוין.

#### דיון: פארוואס הבדלה קען מען מאכן ביז מיטוואך אבער קידוש נישט?

### Speaker 2:

ניין, אבער די אמת איז, ס'איז נאך דא דא א מקום פאר א מחשבה. פארוואס הבדלה קען מען נאך מאכן ביז מיטוואך, און קיינער האט נישט געזאגט אז פון מיטוואך קען מען שוין מאכן קידוש? ווייל ס'איז דא א חילוק צווישן קידוש און הבדלה.

### Speaker 1:

אפשר קען מען יא? דו טראפסט שוין. דו האסט אנגעהויבן אז דו ביסט א שעה פריער, יעצט האלטסטו שוין ביי מיטוואך.

### Speaker 2:

ניין, ס'מאכט נישט קיין סענס. יא, אבער דא האב איך געזאגט, קידוש איז די מצוה צו מאכן ווען ס'איז שבת. הבדלה מאכט מען לכאורה קען מען מאכן

ווען ס'איז די וואכן. קידוש איז מסתמא נישטא א שיטה אז מ'קען ביז נעקסטע שבת מאכן הבדלה אמת'דיג, רייט? ס'איז גוט, ס'וועט זיך אויסלעשן איינס. ס'האט א בעטערי, ס'גייט נישט פייערן ווייטער. ס'זאל נאר נישט פייערן ווייטער.

## Speaker 1:

יא. איך וויל קויפן צוויי און לייגן דארטן.

## Speaker 2:

נא נא. יא, זאג די רמ"א ווייטער.

**הלכה כ"ט: מי שהיה אוכל בערב שבת וקידש עליו היום**

## Speaker 1:

יעצט גייען מיר אונז לערנען וועגן אזא ענין, אויב איינער האלט אינמיטן א סעודה און ס'ווערט שבת, וויאזוי מ'איז מפסיק, צו מ'דארף מפסיק זיין.

**מי שהיה אוכל בערב שבת**, א איד האלט אינמיטן עסן תאב מאכל, **וקידש עליו היום**, דער טאג האט זיך מקדש געווען, ס'איז הייליג געווארן דער טאג, **והוא בתוך הסעודה**, ער האלט נאך אינמיטן עסן די סעודה, איז די הלכה: **פורס מפה על השולחן**, זאל ער אויסשפרייטן א מאפע אויף די שולחן. דאס איז לכאורה אן ענין פון חשיבות אויף די נייע, אז די חלק הסעודה וואס מ'גייט עסן לכבוד שבת זאל אויסקוקן עפעס נייעס, זאל נישט זיין סתם ממשיך זיין די זעלבע סעודה. **ומקדש**, מ'מאכט קידוש, מ'מאכט ברכת הקידוש, יא? **ואח"כ גומר סעודתו**, און נאכדעם ענדיגט ער די עסן.

**דיון: דארף מען מאכן נאך א בורא פרי הגפן?**

## Speaker 2:

אויב מאכט מען על היין, דארף מען מאכן נאך א בורא פרי הגפן? לאמיר זאגן ער האט שוין געמאכט בורא פרי הגפן אין די סעודה. לכאורה נישט. קען זיין די פורס מפה מאכט אז ס'הייסט ווי מ'האט געענדיגט וואס איז געווען פארדעם.

## Speaker 1:

ניין, דאס איז נאך א זאך. ער ברענגט אז מ'זאגט נישט בורא פרי הגפן בפשטות דעמאלטס. ער איז דאך האלט ער זיך שוין אינמיטן די סעודה. אויב האט ער שוין געמאכט א הגפן אין יענע סעודה, יא, אוודאי, ער האט שוין געמאכט, ער דארף זיך דאך א מוציא פון די סעודה. איז פורס מפה, ומקדש, וגומר סעודתו, **ואח"כ מברך ברכת המזון**. אה, ער דארף נישט בענטשן אינצווישן. ניין, אנדערש ווי הבדלה, וואס מ'גייט שוין זען אז מ'וואלט ווען געקענט מחייב זיין ער זאל סטאפן עסן און ער זאל מאכן קידוש.

**הלכה כ"ט (המשך): היה אוכל בשבת ויצא השבת — הבדלה**

## Speaker 1:

אבער **היה אוכל בשבת**, אבער ביי מוצאי שבת, ביי הבדלה איז אנדערש. **היה אוכל בשבת ויצא השבת והוא בתוך סעודתו**, ער האלט אינמיטן עסן שבת, ער עסט סעודה שלישית, און ס'קומט אריין די... ענדיגט זיך שבת, מוצאי שבת קומט אריין, **והוא בתוך סעודתו**, זאגט מען נישט אז ער קען מאכן הבדלה אינמיטן די סעודה און ממשיך זיין. **גומר סעודתו**, זאל ער ענדיגן זיין סעודה, **ונוטל ידיו מים אחרונים**, און ער זאל זיך וואשן מים אחרונים, **ומברך ברכת המזון על הכוס, ואח"כ מבדיל על הכוס**, נאכדעם אויף די זעלבע כוס קען ער נאכדעם מאכן ברכת הבדלה.

סאו לכאורה איז אזוי, ס'איז נישט אויף א חומרא. ס'הייסט, שבת, פון ווען ס'קומט שבת טאר מען נישט ווייטער עסן, מ'דארף מאכן קידוש. הבדלה, מ'מעג ווייטער עסן ביז מ'ענדיגט די סעודה. און נאכדעם מאכט מען הבדלה.

ס'איז דא צוויי דינים. איין הלכה איז, אז פרייטאג צונאכטס ווען מ'האלט אינמיטן א סעודה, קען מען ממשיך זיין מיט די סעודה. מ'זאגט נישט אז ער מוז בענטשן און סטאפן די סעודה, ווייל די סיבה איז ווייל ס'קומט דיר יעצט א נייע חיוב סעודה פון שבת. זאגט מען נישט אז ער דארף סטאפן. אבער מוצאי שבת איז ער קיין מוצא, ער דארף ענדיגן די סעודה. ער דארף נישט מאכן גלייך הבדלה, ער קען ווארטן און ער מאכט הבדלה צוזאמען מיט ברכת המזון אויף די זעלבע כוס.

**דיון: אין עושין מצוות חבילות חבילות**

## Speaker 2:

אגב, ס'איז דא א הלכה אז "אין עושין מצוות חבילות חבילות". דא איז שוין געטון געווארן דערויף איין מצוה, זאלסטו דערויף טון נאך א מצוה. נו, ס'איז אפאזיט, דעמאלטס וואלט ער נישט געדארפט. איך ווייס נישט. ס'שטייט אויב ס'איז די זעלבע זאך, ס'איז חדא מילתא. ברכת המזון מיט הבדלה פון מוצאי שבת גייען צוזאמען. כביכול, דא ענדיגט ער די שבת סעודה, מאכט ער שוין א... איך ווייס נישט פארוואס. ס'איז א נאך פארשטענדליכע גמרא וואס רעדט וועגן דעם. אקעי.

**דיון: קען מען מאכן הבדלה אינמיטן די סעודה?**

## Speaker 1:

אויב אזוי, די עיקר הלכה פון דא איז אז מ'קען נישט מאכן הבדלה אינמיטן די סעודה. מ'דארף נישט, מ'קען נישט.

## Speaker 2:

ניין, מ'קען, מ'דארף נישט. מ'קען, אויב מ'וויל דווקא קען מען. ער קען נאר נישט ארויסזאגן א כילה. איך מיין מ'דארף נישט. יא, אויב דו ווילסט מאכן הבדלה, דו קענסט נישט קענען ווייטער עסן. איך מיין אז דו דארפסט... יא, דו קענסט מאכן הבדלה, פארוואס נישט? מ'דארף נישט, דו קענסט נוצן די זעלבע ברכת המזון. פארוואס זאלסטו עס טון? איך מיין אז מ'קען, פארוואס זאל מען נישט קענען? אפשר איז דא דא עפעס אן ענין פון, אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט. איך מיין אז ער קען.

## Speaker 1:

דו זעסט, ביי שתיה קען מען יא, יא? אויב איינער איז בתוך השתיה, דארף ער נישט מזוג יא, פויזן. ער קען מאכן הבדלה, אבער ער דארף א כוס על השתיה. ס'זעהט אויס אז ער קען, אבער...

## Speaker 2:

ניין, ער רעדט דאך אז ביי שתיה איז מען מקיל פאר אים. ס'איז מקיל אז ער דארף נישט נעמען נאך א כוס. ער קען נוצן די זעלבע כוס פון ברכת המזון. קודם כל, ער רעדט דאך וועגן אכילה. קודם כל, ער דארף נישט נוצן די זעלבע כוס. דאס איז די היתר פון די רבי'ס וואס ציען אריין שלש סעודות אין די נאכט אריין, רייט? און די זעלבע זאך, ער קען נוצן די זעלבע כוס פון ברכת המזון און פאר... אבער ווי איך פארשטיי, איז ער דאך אין פארן הבדלה.

אז דוי פירן זיך די רבי'ס טאקע, זיי האבן נאר איין זאך, זיי מאכן מעריב אינצווישן, וואס איך ווייס נישט וואס הייסט נאך די זעלבע כוס אין די זעלבע צייט. אבער אזוי פירן זיך די חסידישע שטיבלעך ווי מ'מאכט... מאכט מען, ווי אזוי הייסט עס, בענטשן אויף א כוס און מ'טרינקט נישט די כוס, האב נישט קיין עסק, ווייס איך פאר וואס.

## Speaker 1:

יא.

## Speaker 2:

און ס'איז נישט קיין ענין, פאר וואס איך האב שוין געשריגן, אז מ'בענטשט אין א שטיבל, אזוי מאכט מען דאך א כוס, מ'דארף טרינקען די כוס, אזוי שטייט אין די תשובות.

## Speaker 1:

יא, געטרינקען.

## Speaker 2:

פארוואס נישט?

## Speaker 1:

ס'איז דאך נישט קיין איסור צו טרינקען, דאס איז דאך פארט פון די סדר, ס'איז נישט...

**Speaker 2:**

ביידע מאל, מסתבר אזוי.

**Speaker 1:**

יא, קלאר, איך ווייס נישט.

**Speaker 2:**

מסתבר פארקערט, ס'קומט פון די רבי'ס, דארט די רבי'ס טוען אזוי, אויב ער דעקט איבער די כוס און ער זאגט מעריב און דערנאך מאכט ער קידוש אויף די זעלבע כוס, פארשטייט זיך דאס איז אן ענין...

**Speaker 1:**

אויב ער מאכט קידוש אויף די זעלבע כוס.

**Speaker 2:**

דאס מאכט סענס.

**Speaker 1:**

טרינקט ער עס דעמאלטס.

**Speaker 2:**

טרינקט ער עס דעמאלטס.

**Speaker 1:**

יא. אבער אויב נישט, דעמאלטס ווייס איך נישט פארוואס מען זאל עס אזוי טון.

אקעי.

**הלכה ל': היה אוכל וגמר אכילתו עם הכנסת שבת**

**Speaker 1:**

**היה אוכל**, א מענטש האט געהאלטן אינמיטן עסן זיין סעודה, **ופירסו עליו ערב שבת, וגמר אכילתו מכנסת השבת**, ער האט געסטאפט עסן ווען עס איז געקומען שבת,

איז **מברך ברכת המזון תחילה**, ער דארף קודם בענטשן ברכת המזון, **ואחר כך מקדש על כוס שני**, נאכדעם זאל ער מאכן נאכדעם קידוש אויף אן עקסטערע כוס.

סטאטש נישט, אז פריער האבן אונז געלערנט אויב ער האלט נאך, ער וויל נאך ממשיך זיין מיט די סעודה, ער וויל נאך ווייטער עסן, האבן אים געזאגט אז משום כבוד השבת זאל ער לייגן א מאפע, ער זאל אויסקוקן ווי ער הייבט אן א נייע סעודה, און מאכן קידוש און האלטן ממשיך זיין, אבער אויב ער האט שוין געענדיגט עסן, ער וויל שוין נישט ממשיך זיין עסן, איז יעצט די שאלה וועגן די בענטשן און די אין די אין די קידוש, אז דא דא אין דעם הלכה אז מ'קען נישט טון אויף די זעלבע כוס, די חידוש שוין זאגט דא איז

אז מ'קען נישט טון אויף די זעלבע כוס, **לפי שאין עושים שתי קדושות על כוס אחד.**

**דיון: ברכת המזון אויף א כוס**

**Speaker 2:**

אויב ביידע זאכן איז דא א ענין א הלכה פון טון אויף א כוס. ברכת המזון אויף א כוס, כאטש דער רמב"ם האט מיר נישט געזאגט קלאר אין ערגיץ אז ברכת המזון דארף זיין אויף א כוס.

**Speaker 1:**

ווייטער האט ער געזאגט נאך אין הלכות ברכת המזון.

**Speaker 2:**

האסטו געזען נאך אין הלכות ברכת המזון?

**Speaker 1:**

מאכן אויף א כוס, אבער איך געדענק, ס'איז נישט... ערשטע מאל, איך געדענק נישט וואס ס'שטייט דארט, אבער ס'איז נישט גאנץ זיכער אז ס'שטייט שוין אין הלכות ברכת המזון אז מען זאל עס מאכן מיט א כוס.

**Speaker 2:**

אקעי, איך געדענק עס נישט. אין הלכות ברכות פרק ז', יא, דער רמב"ם האט גערעדט וועגן כוס של ברכה, מאכן בענטשן אויף א כוס. ס'איז אזוי ווי א הידור אין די ברכת המזון.

דאס קען מען נישט מאכן מיט די זעלבע כוס, ווייל מ'קען טראכטן אז

**אין עושין מצוות חבילות חבילות — קידוש און ברכת המזון אויף איין כוס**

**דער רמב"ם'ס שיטה: נישט מאכן קידוש און ברכת המזון אויף דער זעלבער כוס**

**Speaker 1:**

אבער די הלכה איז נישט אזוי, מ'זאל נישט בענטשן און מאכן קידוש אויף די זעלבע כוס, **"שתי מצוות בכוס אחד"**. מ'וויל נישט אז מ'זאל טון צוויי מצוות אויף די זעלבע כוס. דאס הייסט, די כוס איז א הידור פאר די ברכת המזון און ס'איז א הידור פאר די קידוש.

זאגט דער רמב"ם, די מצות קידוש און די מצות ברכת המזון זענען **"שתי מצוות של תורה"**, זיי זענען צוויי אנדערע מצוות פון די תורה. ביידע זענען מצוות פון די תורה, און זיי זענען צוויי אנדערע מינים, זיי זענען צוויי אנדערע מצוות. און דו ווילסט יעצט מיט די זעלבע בעכער מאכן א הידור פאר צוויי מצוות. ס'זעט אויס אזויווי דו ווילסט פטר'ן, ס'איז נישט קיין חביבות המצוה אז יעדע מצוה באקומט זיין אייגענע חשיבות, זיין אייגענע הכנה.

**קשיא: פארוואס איז הבדלה אנדערש?**

ס'איז אינטערעסאנט אז ס'וואלט געווען איינס מדאורייתא און איינס מדרבנן למשל. אפשר קען מען טראכטן אז אפשר וועגן דעם הבדלה איז אנדערש. זיי האבן געלערנט אז הבדלה מאכט ער יא אויף די זעלבע כוס, אמת? יא, ווייל אפשר לויט די וואס זאגן אז הבדלה איז מדרבנן האט עס געמאכט סענס.

אבער דער רמב"ם זאגט נישט אז הבדלה איז מדרבנן, דער רמב"ם האלט אז הבדלה איז דאורייתא. סאו מוז מען פארשטיין עפעס אן אנדערע חילוק, ווייל ס'האט עפעס צו טון. איך ווייס נישט צו דער רמב"ם איז דוקא אין די ווארט "של תורה", אדער ער מיינט צו זאגן אז ס'איז צוויי אנדערע מצוות. ס'איז נישט... **"שתי מצוות של תורה"**, צוויי אנדערע מצוות, ס'זאל נישט קיין שייכות. ער האט געקענט אוועקווארפן די ווארט "של תורה", יא.

**דער כוס ביי ברכת המזון איז נישט דאורייתא**

דער רמב"ם האט יא געזאגט אז קידוש און הבדלה האט ער געזאגט **"לזכרהו בכניסתו וביציאתו"**. ביי ביידע איז די כוס אליין נישט קיין דאורייתא. ס'איז זיכער אז די כוס אליין איז נישט קיין דאורייתא. די קידוש על היין איז שוין יא א דאורייתא, ס'איז אפילו נישט א תנא.

אבער די עצם מצוה פון ברכת המזון, א כוס ביי ברכת המזון איז זיכער נישט קיין, ניטאמאל א דרבנן, אז ס'איז נאר עפעס א חשוב'ע זאך. אבער די ווארט איז אז ס'איז א חשוב'ע זאך וואס גייט מיט ברכת המזון. אקעי, איך דארף טשעקן וואס ס'איז, נישט דאס איז מיין פוינט יעצט, באט איך מיין צו זאגן, ס'איז זיכער נישט אזא וויכטיגע מצוה ווי קידוש.

די ווארט איז אבער ווייל ס'איז א חלק פון ברכת המזון, וועגן דעם וויל מען נישט, ס'איז א זלזול אין די מצוה פון ברכת המזון, מיין איך צו זאגן. ס'איז נישט קיין זלזול אין די מצוה פון כוס של ברכה פון ברכת המזון.

**דער מגיד משנה'ס תירוץ: הבדלה און ברכת המזון זענען ביידע "לאחרוב"**

ער ברענגט א חילוק, די מגיד משנה, און מיר זאגן דאס נאר כדי מיר זאלן פארשטיין פארוואס ביי הבדלה מאכט מען יא אויף די זעלבע כוס.

איז דא וואס ס'שטייט אז ס'איז תרי ענייני, די גמרא הייסט דאס **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"**. מ'פאקט נישט אריין ביידע, איך ווייס נישט וויאזוי מ'רופט דאס "חבילות חבילות", מ'פאקט נישט אריין, אלעס אויף איין כוס, מ'פאקט שוין אריין מצוות. יעדע מצוה האט איר זיין שטיקל, די זעלבע כוס, מ'כאפט שוין א היטש מיט די מצוה, נאך א מצוה, מ'זאל עקסטער ספענדן אויף יעדע מצוה. אזוויוי, אקעי, איך מיין צו זאגן אז לויט מיין פשט, אז א איד טוט א מצוה קומט זיך אים א גלאז וויין, פאר צוויי מצוות קומט צוויי גלעזער, ס'קען נישט זיין די זעלבע וויין.

באט, יא, לגבי הבדלה, ער זאגט די מגיד משנה בשם אחד המפרשים, איך ווייס נישט ווער, אז די חילוק פון הבדלה מיט ברכת המזון, אז אין ברכת המזון גייט עס אויף פעסט, ס'איז געווען שבת, ס'איז געענדיגט שבת. נישט קלאר אז דאס איז די טייטש פון ברכת המזון, די ברכת המזון איז אויף די מאלצייט וואס מ'האט געגעסן. יא, קידוש איז על העתיד, אויף די שבת וואס קומט יעצט, סאו ס'גייט נישט צוזאמען.

דאס הייסט נישט **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"**, דאס האט נישט קיין פשט.

### Speaker 2:

אבער, ניין, ס'האט יא.

### Speaker 1:

דאס הייסט **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"** איז דא אין דעם א תנאי, דוקא כשם שני ענינים. אויב ס'איז די זעלבע איידיע, קען מען יא מאכן. אזוויוי מ'מאכט זעקס ברכות פון די שבע ברכות אויף איין כוס, קיינער זאגט נישט אז מ'דארף מאכן זעקס אנדערע כוסות, ווייל ס'איז איין נושא.

#### קריטיק אויף דעם מגיד משנה'ס תירוץ

ס'איז ממש נישט אין סאטשיקא פשט די פשט פון די מגיד משנה, ווייל **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"** מיינט אז דו ביסט מזלזל אין די מצוה. און דאס זענען צוויי, אפילו ביידע האבן עפעס א געוויסע... אקעי, ער האט געטראפן עפעס א קערעקטעריסטיק ווי ביידע האבן א קשר. יא, זיי האבן א דין אז ביידע איז "לאחרוב", ביידע איז א ברכה "לאחרוב", א נאכברכה. ווייל דאס איז א נאכברכה אויף שבת, און דאס איז א נאכברכה אויף די סעודה.

מאכט ער דאס, עס גענוגט פון צוויי מיני זאכן. דאס איז א מצוה פון **"זכרהו על היין"**, און דאס איז א מצוה פון **"וברכת את ה' אלקיך"**. ווייל דאס איז א שבת'דיגע זאך. עס גייט יא צוזאמען. אז מ'האט געענדיגט שבת, ברוך השם מ'האט געגעסן, ברוך השם ס'האט זיך געענדיגט שבת. ברכת המזון איז א מצוה אויף עסן, ווייל מ'איז זאט.

### Speaker 2:

אוודאי האט עס. איז ברכת המזון פון שבת און ברכת המזון פון א גרינעם דינסטאג איז די זעלבע ברכת המזון, די זעלבע מצוה פון ברכת המזון. דאס איז אן אנדערע טאג. האט ברכת המזון עפעס מיט שבת? אז איינער מאכט נישט קיין בענטשן אין שבת, האט ער מבטל געווען די שבת און מבטל געווען די מצוה פון ברכת המזון?

### Speaker 1:

ניין, ניין, זיי גייען צוזאמען. אזוויוי דו פארשטייסט, דו גייסט דיך באלד לערנען, ווען מ'מאכט קידוש יום טוב שחל במוצאי שבת, מאכט מען אויף ביידע אויף איין כוס, יא? דו פארשטייסט? ווייל ס'איז די זעלבע נושא. יעצט ארויס יום טוב, ווייל דארט איז קודם כל, קידוש און הבדלה איז טאקע פון די זעלבע מצוה, מ'נעמט זיך ארויס פון די זעלבע פלאץ, איין מצוה. אויף דעם קענסטו זאגן אז ס'איז איין מין מצוה, ווייל אין ביידע שטייט פון איין זאך אין די תורה, דו ביסט מכבד די מצוה אין די תורה מיט איין מאל. אבער דאס איז צוויי אנדערע מצוות.

### Speaker 2:

איך פארשטיי נישט די פשט. איך פארשטיי נישט די פראבלעם. ס'מאכט סענס, מ'האט געענדיגט די סעודה, מ'האט געענדיגט שבת, מאכט מען אויף דעם א ברכה. אויב מ'האט געענדיגט די סעודה פון די וואכן און ס'הייבט זיך אן שבת, דאס איז צוויי אנדערע סובדזשעקטס, פארשטייסט?

### Speaker 1:

איך בין נישט מסכים, ווייל ברכת המזון האט נישט מיט שבת אדער מיט אין די וואכן. ברכת המזון איז נישט קיין מצות שהזמן גרמא, ס'האט צו טון מיט ברויט. ברכת המזון איז א סעט מיט ברויט, הבדלה איז א סעט מיט שבת. וויטער.

#### דיסקוסיע: איז דער מגיד משנה'ס תירוץ א גוטע סברא?

### Speaker 1:

אקעי, עט דיס פוינט ביסטו סתם צוקריגט.

### Speaker 2:

ניין, דו דארפסט נישט פארענטפערן בעל כרחו. ווייל איך פרעג א קשיא, מוזטו פארענטפערן בעל כרחו?

### Speaker 1:

ס'איז אביסל א פארקרומטע סברא, ס'איז נישט קיין גוטע סברא. ווייל **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"** איז א כלל אין כל התורה כולה, אז וועגן די חשיבות פון יעדע מצוה זאל מען יעדע מצוה געבן זיין עקסטערע כוס. זאל ער זאגן אז דא איז אנדערש ווייל ס'איז דא עפעס אז זיי זענען צוויי מחותנים די צוויי מצוות, און ביידע זענען "לאחרוב".

ביי די וועי, ס'איז נישט קיין כלל אין כל התורה כולה, ס'שטייט נישט אזוי. ס'איז א כלל, ער זאגט עס באופן כללי, אפילו... וואס איז דא אזא כלל? אפילו **"אין עושין מצוות"**. מיר דארפן זיך איינמאל זיך טאקע זעצן און פארשטיין וואס ס'מיינט בכלל.

### Speaker 2:

דו זאגסט אז די סברא איז פארקרומט. ווייל לויט וואס איך זע, ס'מיינט נישט גארנישט, ביידע וועגן. דאס הייסט, איך מאך מסביר א שכל. ס'איז נישט אזא שכל ווי א גוטע שכל צו בויען מיט דעם אן עראפלאן. אן עראפלאן דארף א שכל זיין מוכרח, אדער פארט עס עלעקטריק אדער פארט עס נישט. אבער די אלע זאכן זענען סברות. ווען אונז זאגן אז א סברא איז יא גוט אדער נישט גוט, איך ווייס שוין נישט פונקטליך מיט וואס מען דינגט זיך בכלל. ווייל איך פארשטיי נישט וואס אונז דינגען זיך יעצט. איך שריי יא, ס'מאכט סענס, אין מיין קאפ מאכט עס סענס, און אין דיין קאפ מאכט עס נישט קיין סענס. סאו וואס טוען מיר יעצט? גארנישט.

### Speaker 1:

מ'זאגט אן אמת, מ'האט נישט בעסער אויסגעשריבן די צוויי סברות. אבער וואס טוט מען? ניין, ווייל דאס איז נישט נאר אונז. אלע, דער ראב"ד ווען ער דינגט זיך אויפ'ן רמב"ם מיט די זעלבע זאך, קענסטו הערן וואס דער רמב"ם'ס סברא איז. וועט דער ראב"ד זאגן, "איך האב אן אנדערע סברא". ניין, נאר אונז דארפן פארשטיין.

מיין שאלה איז גרעסער. דער מפרש וואס דער מגן אברהם ברענגט דא אראפ, האט אויך ווען ער האט דאס געזאגט געוואוסט אז ס'מאכט נישט קיין סאך סענס. ווייל ער האט אויך געהאט א חברותא, און די חברותא האט אים געזאגט אז ס'מאכט נישט קיין סענס. ער האט געוואוסט אז אפשר קען ער טרעפן עפעס א טראפעלע סענס. ער האט געוואוסט אז ס'מאכט נישט קיין סענס. ווייל ס'איז א שוואכע סברא. ער ברענגט עס ארויף ווייל ס'איז נישטא עפעס בעסער, ווייל ס'איז א שטיקל שווערע קיידא. וואס איז דער חילוק צווישן הבדלה, ברכת המזון, און קידוש, ברכת המזון? ער ברענגט ארויף עפעס א האלבער סברא.

### Speaker 2:

איך וואלט געטראכט פארקערט, אז איך זע נישט וואס די פראבלעם איז. מ'האט יעצט געענדיגט די סעודה, יעצט ענדיגט זיך שבת, מ'מאכט ביידע אויף איינמאל. **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"** איז נישט אזא שטארקער דין וואס מוז שטימען אין כל התורה כולה. איינער האט ארויפגעברענגט אז ביי די זאך, ווען ס'איז ממש קידושין און ברכת המזון, איז אפשר א טראפעלע ווייטער געררוקט איינער פון די אנדערע. דארט האט דער תנא געברענגט די זאך **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"**. דאס איז נישט געוועדעט אין סתם, ס'איז א כלל אזא, ס'איז נישט קיין כלל ברזל. דאס האט ער געמאכט ביי די זאך ספעציפיקלי.

### Speaker 1:

אקעי. ווי נאך איז דא **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"**?

### Speaker 2:

דאס איז יא אין די פוסקים. איך האב נאך דארט געזען געוועדעט **"אין עושין מצוות חבילות חבילות"**. חבילות חבילות און חבילות איז די איינציגסטע מאל וואס מ'טוט עס?

### Speaker 1:

יא יא.

### Speaker 2:

דו מיינסט אז מ'זאל נישט מאכן צוויי מצוות אויף איין זאך?

### Speaker 1:

ניין, איך זאג דיר פארוואס, ווייל איך געדענק א לשון כיבוד שהודר למצוה זאל מען טון מיט דעם נאך א מצוה. שטייט דאס נישט אויף די כוס?

### Speaker 2:

ניין, איז די פארקערטע פון אין עושין מצוות חבילות חבילות. א פונקט פארקערט, נעמען די זעלבע בעכער וואס מ'האט געמאכט איין מצוה זאל מען שוין טון נאך א מצוה.

### Speaker 1:

איך ווייס, מ'זאל לאזן די בלוט פון די מציצה ופיה און נאכדעם בלאזן שופר.

### Speaker 2:

אה, ס'שטייט יא נאך זאכן. איך האב א מארקעטינג קאמפיין.

### Speaker 1:

אקעי, בקיצור, מ'דארף לערנען.

**דיסקוסיע: חפצי מצוה — נוצן א זאך פון איין מצוה פאר אן אנדערע מצוה**

### Speaker 2:

פארקערט, איך מיין אז אויב איך געדענק, יענער ס'האט געקומען צו רבי די חדר מצוה, איז מער אזוי ווען ס'איז איבערגעבליבן, אזוי ווי די חפץ של מצוה, אזוי ווי דו זאגסט, די לולב וואס איז איבערגעבליבן, זאל מען שוין פארברענען מיט דעם די חמץ. שטייט אויף דעם אין די גמרא שוין אזא זאך. און די רייט מיר פארברענט, און עס וואלט בגענצע נישט פשט אזוי מען צוט די זעלבע מצוה, עס איז נישט מזיוצא צוויי מצוות מיט איין קאס, עס מער אז מען האט אויסגענוצט די קאס, שטעל זיך פאר כהלית וואס עס וואלט געווען איבערגעבליבן די קאס, מע האט נישט געטרונקען, א קאסטנס ברכה דארפן מיט טרינקען, מען טרינקעס נישט ספונים, אבער שטייט עס איז וויסל א אנדערע, עס איז כהלית, אז ווען נישט בלייבט עס און גייט עס אין גארבעזש, אקעי, מען קען מאכן אים נאך א מצווה, אדער בשעת'ן לאנגען א גארבעזש, קען מען מקבל זיין א מצווה פון פארברענען עפעס.

איין נושא של מצוות חילות מילות חילים מער ווען מען שפארט זיך, ווייל מען וויל ווי ווייניגער ספענטס, אבער מען וויל נעצן די זעלבע בעכער פאר ביידע זאכן, ווערסעס דען איז ווען עס שטייט אויף אנדערע זאכן, איינער מיט טערן שטייען מצורים כאנגער אחר, מען עס איז נישט קלאר. אקעי, מען קען לענען לאמבעס, די רבנים זענען תורות אויף די, ס'איז א סארט זאכן קען זענען ביים שיעור פיום טוב, ווייל ס'איז נישט קיין צוגע וואס איז אמת'דיג א צוגע, סאוי ער ערלויף קיין מעשה.

### Speaker 1:

אה, זעהסט, מצות דרבנים איז די אדער, זעהסט ווי דער מגדות, ער ברענגט אז דא אויף די מגדות זאגט עס טאקע, ווען קודעם שיעור ברכות מאכן מען אויף איין סאך מיט די רבנים. אבער אפשר האט מען געדארפט אמת'דיג מאכן זיבן כוסדות אויף שיעור ברכות.

### Speaker 2:

אוי, ס'איז ווי א שיינע חומרא, ניין?

### Speaker 1:

אקעי, מיר גייען ווייטן. ווידער די כסף סופר פון אייגעסט צו ברענגען די לשון ארום, און דאס איז א מצוה דרבנן א מתלא אזוי ווי רמב"ם שרייבט דאס איז א מצוה מן התורה. דאס איז אלעס געבויט אויף די פאר תירוצים וואס ער ברענגט דא. אקעי. זאלן מיר גיין ווייטער. אקעי.

**מעבר צום נייעם נושא: וועלכע סארט וויין מעג מען נוצן פאר קידוש**

עד כאן האבן מיר געלערנט וועגן די נושא פון מאכן קידוש און הבדלה. יעצט קענען מיר לערנען וועלכע סארט וויין מיר מעגן נוצן פאר קידוש. דאס הייסט, אין די דרבנן, זייער אינטערעסאנט, אין די דרבנן וואס מ'זאל מאכן וויין,

**פרק כט: קידוש — הלכות איכות היין**

**המשך: וועלכע סארט וויין מען מעג נוצן פאר קידוש**

**Speaker 1:** אקעי. לאמיר גיין ווייטער.

זע איך דא דער כסף סופר ברענגט די לשון הרמב"ם, און דאס איז נישט קיין מצות דרבנן א מיטלייזער, דאס איז א מצוה דאורייתא. דאס איז אלץ געבויט אויף דעם פרק אויף תורה, וואס ער ברענגט דא. אקעי. לאמיר גיין ווייטער.

אקעי. עד כאן האבן מיר געלערנט וועגן די נושא פון מאכן קידוש, און אצינד וועלן מיר לערנען וועלכע סארט וויין מען מעג נוצן פאר קידוש. דאס הייסט, אונטער די רבנים וואס מאכן וויין, איז דא כללים פון וועלכע סארט וויין מען מעג נוצן.

**Speaker 2:** און דאס איז נאר לגבי קידוש, אדער איז דאס בכלל ווען מען נוצט וויין, למשל צו זיין א גוי פאר ד' כוסות אדער וואטעווער?

**Speaker 1:** ס'איז אנדערש אביסל, באט לאמיר לערנען, אפשר דארטן איז דא חומרות.

**הלכה יד: יין הראוי לנסך על גבי המזבח**

אקעי. **אין מקדשין אלא על היין הראוי לנסך על גבי המזבח.** וועלכע וויין? די וויין וואס די תורה האט געזאגט אז ס'איז גענוג גוט פאר די מזבח, פשוט גוטע וויין. **לפיכך, אם נתן בו דבש או סובין**, וואס אונז דערמאנען יעדן טאג ביים דאווענען מיט א גרויסע כוונה, **אם נתן בו דבש פסולה**, ביי די קטורת, יא. **אפילו כטיפה שחרדל בתוך חבית גדולה**, אויף דעם העלפט נישט קיין תערובות, אויף דעם העלפט נישט קיין ביטול, אפילו ווייל ס'געט א טעם. אפילו ביי מזבח העלפט נישט קיין ביטול, ממילא איז שוין געבליבן דער דין אויך לגבי וויין.

אזוי שטייט, אזוי ברענגט ער אין הלכות פירוש המשניות, שטייט אז ארבעה דברים שנתנו על המזבח, בכל שהן. ממילא איז געבליבן אזוי די הלכה אויף לגבי וויין, יא. ס'איז אמת אז מ'קען הערן א חילוק, אז ס'דארף זיין אזוי ווי וויין ראוי למזבח, מיינט נאך אז ס'נעמט אויך געוויסע חומרות, אזוי ווי ס'העלפט נישט ביטול.

פירט אויס דער רמב"ם, **וכן אנו מורים בכל המערב.** אזוי פסק'נט מען אין די מערב. מערב מיינט די רמב"ם'ס מערב. די רמב"ם'ס מערב מיינט וואס? די מגרב?

**Speaker 2:** אין די וועסט. מערב איז טייטש די וועסט.

**Speaker 1:** אה, אנו מורים מיינט פון וואו ער קומט, ער קומט פון און מערב, מערב איז די טייטש, און דער רמב"ם זאגט אויף אראביש "מגרב", אבער ס'מיינט בעיסיקלי מאראקא, אלדזשיריע, די געגנט. ס'מיינט, מאראקא איז אסאך מער מערב פון ספעין. ס'איז מער, ס'איז ביידע וואס איז מערב פון ספעין.

**Speaker 2:** דער מערב פון ספעין, יא. ס'איז מערב פון ארץ ישראל דאך.

**Speaker 1:** ס'איז טאקע מערב. אבער, זאגט דער רמב"ם, **"ויש מי שמתיר לקדש עליו"**, ס'איז דא וואס זענען יא מתיר צו מקדש זיין אויף יין וואס האט דבש. **"ואומר"**, און איך וועל זאגן אזוי, **"לא נאמר יין הראוי לגבי מזבח"**, דאס וואס ס'שטייט "יין הראוי לגבי מזבח" מיינט נישט צו זאגן אז ס'דארף אננעמען אלע חומרות, אז ס'טאר נישט האבן קיין דבש און סוכר ווייל ס'פסל'ט קרבנות, **"אלא להוציא יין שריחו רע"**, ס'זאל זיין א גוטע קוואליטי, ס'זאל זיין אזוי גוט אז מ'האט עס געניצט פאר'ן מזבח. אויב דער מזבח האט עפעס אנדערע הלכות וואס האט שוין צו טון מיט קדושה, איז אן אנדערע זאך. נאר יוצא זיין נישט גוטע ווייין, למשל, ריחו רע, א ווייין וואס שמעקט נישט גוט, אדער מגולה וואס איז דא א חשש סכנה, וואס מגולה איז מסתמא אסור ווייל מ'טאר עס נישט טרינקען, אבער בדיעבד טרינקט מען עס יא. אדער מבושל, יין מבושל וואס איז ווייניגער חשוב. שמן קטשן לחם, אויף דעם קען מען נישט, ווייל דאס זענען טאקע שוואכערע קוואליטי ווייין, און דאס איז די עיקר הלכה וואס זאגט אז ס'דארף זיין יין הראוי לגבי מזבח. פארוואס זאל נישט זיין קיין דבש? ס'קען עס מאכן בעסער. איינער האט דייקא ליב ווייין מיט דבש.

**דיגרעסיע: היסטארישער הינטערגרונט וועגן ווייין אין אייראפע**

**Speaker 2:** רייט. איך מיין אז די אינטערעסאנטע זאך דא איז אזוי: אין ארץ ישראל איז דא ווייין, ווייל אין ארץ ישראל וואקסן טרויבן אין גרויסן. אין אייראפע איז געווען קאלט, און אסאך פון די פלעצער האבן געניצט טאקע האניג. האניג מאכט מען "מעד", אדער מ'מישט אריין אין די ווייין.

**Speaker 1:** מ'מאכט ווייין פון האניג?

**Speaker 2:** מ'מישט אריין האניג אין די ווייין.

**Speaker 1:** אקעי, אריינגעמישט האניג. אבער על כל פנים, אין אייראפע האט מען זיך אסאך מער געמוטשעט מיט ווייין. סאו ער זאגט, "החיים אומרים בכל מערב ספרד", אין יענע פלעצער זענען טאקע געווען קוואליטי ווייין.

**Speaker 2:** אקעי. ס'איז נישט געווען קיין ווייין אין אייראפע?

**Speaker 1:** ס'איז געווען, יא. מ'האט געמאכט ווייין פון ראזשינקעס. מ'האט זיך אסאך מער געמוטשעט, און וועגן דעם איז די הלכה פון ראזשינקעס ווייין געווען זייער שטארק נוגע. דער רמב"ם גייט רעדן וועגן דעם. איך מיין אז מ'פרעגט די זיידעס... ס'איז נישט געווען אזוי גרינג ווייין אזוי ווי היינט. ס'איז געווען טאקע געווען ווייין, אבער ס'איז געווען געוויסע לענדער וואס מ'האט זיך געמוטשעט מיט האבן ווייין. איך בין אביסל מסופק אין דעם. אבער אקעי, קענסט טאן דעם גרינגן וועג. ס'קאסט נישט קיין געלט פאר גארנישט.

די דעה ויש, הלכה ידועה, די דעה וואס זאגט די הייליגע רמב"ם, די דעה ויש, וואס זענען גערעכט דאך.

**Speaker 2:** ווי אמת איז דאס?

**Speaker 1:** ער זאגט א שטייט אין ירושלמי, יא, מ'קען מקדש זיין מיט יין קונדיטון, וואס לכאורה מיינט דאס איז א ווייין פון מיט אריינגעלייגט האניג אדער אנדערע זאכן, א זיסע ווייין. אקעי.

**הלכה טו: יין שטעמו טעם חומץ**

זאגט די רמב"ם, יין שטעם טעם חומץ, ער זאגט אז א יין שריחו רע טויג נישט. זאגט די רמב"ם, ריחו רע אוכלת, אבער ריחו רע איז נישט די איינציגסטע זאך. אויב די טעם איז נישט גוט, די טעם איז ווי חומץ, **אע"פ שריחו ריח יין, אין מקדשין עליו. וכן שמרים שנתן עליהם מים.**

**Speaker 2:** וואס די יין שטעם חומץ, למשל, וואלט יא געווען כשר לגבי מזבח?

**Speaker 1:** ער האט נאך ווייין, ער האט נאך ווייין.

**Speaker 2:** האט ער נאך אלץ א קשר צו די ענין פון די מזבח?

**Speaker 1:** איך ווייס נישט, ער האט נישט קיין טעם, ער האט נישט קיין גוטע ווייין. אפשר אנקומען צום מזבח.

**Speaker 2:** אבער ס'איז נישט פשוט. די רמב"ם זאגט יין שטעם או ריחו רע. ער זאגט נישט... ניין, ווייל ער זאגט אע"פ שריחו רע. קוק, איך וואלט געזאגט, מ'וואלט געקענט פשוט מאכן א זאך גרינג, זאגן יין שטעם או טעם רע, או מגולה. ניין, ער זאגט, ס'איז דא אזא סארט ווייין.

**Speaker 1:** You're worried about כללים און זאכן.

**Speaker 2:** ניין, איך וויל וויסן צו... ס'איז דא אזא סארט... דו גייסט שוין באלד זען אז ס'איז פארקערט, יא.

**Speaker 1:** יא, alright, לאמיר זען. ס'איז נישט אמת אז ס'דארף זיין ביידע. ס'מעג האבן א ריח רע.

**Speaker 2:** נישט ריח רע. ריח חומץ און ריח רע איז נישט די זעלבע זאך. ריח רע איז טאקע אז ס'שטינקט. ריח חומץ איז עסן. איך פארשטיי אז אויף די מזבח איז די עיקר די ריח וואס ס'מאכט. אויב ס'איז ריח יין, גייט מען נישט... מ'איז נישט טועם.

**Speaker 1:** מיר זענען שוין געגאנגען ווייטער פון דעם. אבער די ריח איז נאר לגבי דבש, דארט איז די מחלוקת. יעצט איז דא א פשט. דו קענסט עס רופן למזבח, באט דאס איז שוין לכאורה מסכים אפילו די דעה וואס איז נישט מסכים ביי די דבש.

**Speaker 2:** ניין, איך זאג א פשוט'ע זאך, אז ביי מזבח איז לכאורה די ריח וויכטיגער, ווייל מ'טרינקט עס נישט, און ביי קידוש טרינקט מען עס.

**Speaker 1:** די רמב"ם האלט נישט אזוי. לייען ווייטער.

**שמרים שנתן עליהם מים**

**וכן שמרים שנתן עליהם מים**, שמרים איז דער זאץ, די איבערגעבליבענע שלח וואס בלייבט אונטן פון די ווייין, וואס האט נאך אין זיך לחלוחית פון ווייין, און מ'וויל אויסנוצן די מאקסימום, לייגט מען, גיסט מען אריין וואסער, וואס האט באקומען א טעם פון ווייין. זאגט ער, אפילו ס'האט באקומען א טעם יין, אבער דאס איז נישט אליין יין, ס'איז דאך עיקר וואסער וואס האט אביסל א טעם יין, און מ'קידש'ט אויף דעם. זאגט דער רמב"ם, **מדברים אמורים**, די הלכה אז שמרים שנתן עליהן מים הייסט נישט קיין יין, **איז נאר בשלא נתן על השמרים שלושה מים, והוציא פחות מארבעה**, און ס'איז ארויסגעקומען ווייניגער ווי פיר. דאס הייסט אז אין די שמרים איז נישט געווען איינגעזאפט א פערטל פון די אמאונט פון די גאנצע כוס, דאס הייסט ס'איז נישט דא דערין קיין פערטל ווייין. **אבל אם הוציא ארבעה**, אויב האט ער אריינגעגאסן וואסער דריי און ס'איז ארויסגעקומען פיר, בשעת ס'איז נאך געווען אסאך לחלוחית, א פערטל, **הרי זה יין מזוג.** און זיי האבן שוין געלערנט, איך מיין אין הלכות ברכות, יא, זיי האבן שוין געלערנט די הלכה פון שנתן על השמרים שלושה והוציא ארבעה, יא.

**Speaker 2:** אפשר אין הלכות ברכות ביים בורא פרי הגפן, איך געדענק נישט.

**Speaker 1:** **הרי זה יין מזוג**, הייסט עס יין מזוג. יין מזוג מיינט ווען ס'איז דריי חלקים וואסער און איין חלק ווייין, דאס הייסט יין מזוג, און מ'קידש'ט דערויף, דאס איז ווייין.

**הלכה טז: כלי שהיה מלא יין ושתה ממנו**

**Speaker 2:** קען מען נעמען נאך א זאך וואס פסל'ט די ווייין, ווייל ס'איז נישט קובע דוקא?

**Speaker 1:** יא. **כלי שהיה מלא יין**, א כלי וואס איז געווען פול מיט וויין, **אפילו יש בו כמה רביעיות**, אפילו אויב די כלי איז גרויס און ס'האלט אין זיך אסאך, מ'קען דערפון אנפילן מערערע כוסות, ס'האט אפאר רביעיות, אבער **אם שתה ממנו, הרי זה פגמו**, האט ער אראפגענומען די חשיבות, די וויין הייסט אזויווי פגום, ס'איז שוין נישט, ס'איז שוין דא דערין עפעס, ס'איז שוין נישט אזוי חשוב, דער מענטש האט שוין געטרינקען דערפון, **ונפסל**, ס'איז געווארן פסול פאר קידוש, **ואין מקדשין על השאר**, מ'קען נישט מקדש זיין אויף די איבריגע, **והרי הוא כשיורי כוסות**, אזויווי אויף א כוס, פארשטייסטו, אזויווי מ'האט שוין געטרונקען פון דעם כוס, איז עס נישט קיין שיינע... דאס איז די ווארט, אז פגום, אפילו א דיקסטע גרויסן באטל, ס'איז נישט קיין אמת'דיגע כוס, אבער ס'איז שיורי כוסות, ממילא איז נישט קיין וואוילע זאך, קענסט נישט מקדש זיין דערויף.

**Speaker 2:** יא, ווייטער.

**Speaker 1:** דאס וואס ער מיינט אז ביי די הלכה פריער אז מ'קען נישט מאכן מיט די זעלבע כוס, מיינט אויך נישט אז מ'קען אביסל טרינקען און נאכדעם מאכן גיסן. מען דארף ממש א נייע כוס וועגן די ענין פון פוגם.

**Speaker 2:** יא, דער שולחן ערוך זאגט אז מען קען אריינגיסן אביסל נייע וויין, דעמאלטס ווערט עס געפיקסט.

**Speaker 1:** יא, דער רמ"א... מען גיסט עס צוריק אריין דערוואטן?

**Speaker 2:** דער רמ"א זאגט נישט, ער זאגט נישט אזוי, ער זאגט נאך... דארט... אפילו מחזק מיט קיין מרובה...

**Speaker 1:** אה, מיינסט צו זאגן אז מען גיסט דירעקט אריין אפילו... פון די חובות, וואס דארפן מיר שוין קומען מיט די וויין?

#### הלכה יז: יין שריחו ריח החומץ וטעמו טעם יין

**Speaker 2:** יא, יין שריחו רע, יין שריחו רע וריחו חומץ וטעמו טעם יין, אבער וואס האט א ריח ווי חומץ און דער טעם איז ווי יין, מקדשין עליו.

**Speaker 1:** דער טעיסט איז דאך אזא ריחו רע, אזוי ווי עס איז פריער געזאגט. דא פאסט א ריח חומץ אבער מ'גייט נאך דער טעם. נו ווי געזאגט, דער טעם... אויב ס'איז דער טעם חומץ, אפילו ס'שמעקט ווי וויין איז נישט גוט, אבער פארקערט איז יא גוט, דאס איז תלוי אין די טעיסט, נישט אין די שמעק.

**Speaker 2:** ניין, אבער געזאגט ריח ורע קען מען נישט, אבער ריח חומץ מיינט נישט ריח רע. ריח חומץ איז נישט א זאך.

**Speaker 1:** רייט. חומץ איז נישט רע, חומץ איז א גוטע זאך. מער זויער אדער וואס. חומץ איז טייטש עסיג, אבער מען ניצט עס, ס'איז א גוטע זאך. עסיג קען מען ניצן פאר רעסיפיס, פאר רעסיפיס, מען דינקט אריין אין דעם די ברויט, יא?

**Speaker 2:** פסח ביינאכט, עס איז א חשוב'ע זאך, דיפבל, אבער קיין וויין איז עס נישט.

**Speaker 1:** רייט.

#### יין מזוג, יין צמוקים, יין תוסס

**וכן יין מזוג, ויין צמוקים**, יין מזוג וואס ער האט פריער געזאגט, וויין מיט וואסער, אדער וויין וואס מען האט געמאכט פון ראזשינקעס, **מקדשין עליו קען מען מאכן קידוש, והוא שיש בצמוקים שעוד יש בהם לחלוחית.** ס'דארף אבער דאפקא זיין צמוקים וואס האט נאך אין דעם א נאסקייט, **שאם ידרוך אותם יצא מהם דבשם**, אזוי אז מ'זאל עס וועלן קוועטשן וואלט ארויסגעקומען די... ער רופט דא וויין דערפון... ער רופט דעם דבש, ווייל ס'ווערט געדיכט. נישט וויין, ס'איז דער דבש, דער דבש איז מער ווי א גראם וואסער. ער זאגט אז ביי די צמוקים, די הארטע פארט פון אינעווייניגסטע איז... יא, די טראפ, די אויסגעטריקנטע טראפ. דארף זיין גענוג אז עס קען ארויסקומען פאר די סיראפ, א ביסל זאפט... עפעס א זאפט דארף קענען ארויסקומען, דאס איז נישט וואסער, ס'איז מער א געדיכטער זאפט, דאס הייסט די וואש.

**Speaker 2:** רייט. אבער ביי צמוקים זעט אויס קיין ארבעט עס שוין מיט הוציא שלישו, הוציא... דאס איז אן אנדערע מין, ווייל די וואסער באקומט די טעם פון די גאנצע ראזשינקע און ווייקט זיך אין דעם. אבער נאך אלץ דארף זיין דעם דבש.

**Speaker 1:** יא. ס'איז אן אנדערע שיטה. ס'איז נישט פאר יא.

**וכן יין תוסס מגיתו**, וויין וואס עס איז פריש ארויס פון די גת. מען האט עס דזשאסט געקוועטשט, דאס איז אונז גערופן מאסט, וויין נאכן קוועטשן. די פראסעס האט אנגעהויבן אממ...

#### קידוש והבדלה — יין חדש מגתו, חמר מדינה, וקידוש יום טוב

#### הלכה יז (המשך) — יין חדש מגתו וסוחט אשכול של ענבים

**Speaker 1:** ס'איז מער א געדיכטע זאפט, וואס דו מיינסט איז די וואש.

אבער ביי צימוקים זעט אויס אז גיי ארבעט עס נישט מיט הוציא שלושה, הוציא דאס. ס'איז אן אנדערע מין, ווייל די וואסער באקומט די טעם פון די גאנצע ראזשינקע ווייקט זיך אין דעם. אבער נאך אלץ דארף זיין דערין די דבש. דאס איז די אנדערע שיטה.

**ויין חדש מגתו** — וויין וואס איז פריש ארויס פון די גת וואס מ'האט עס דזשאסט געקוועטשט, דאס וואס אונז רופן מאסט, וויין נאכ'ן קוועטשן איידער ס'האט אנגעהויבן פערמענטן, מעג מען אויך מאכן דערויף קידוש, ס'איז אויך כשר.

**וסוחט אדם אשכול של ענבים** — מ'קען אפילו נישט פון די גת, נאר מ'קען ממש אויסקוועטשן פון די האנט, געבן א קוועטש אויף אן אשכול של ענבים, **ומקדש עליו בשעתו.** דאס הייסט, גלייך דעמאלטס. בשעתו מיינט אזויווי ביום ההוא, ווייל מ'טאר נישט קוועטשן שבת. ער מיינט צו זאגן ערב שבת, ער האט פריער געזאגט אז מ'קען דאך מאכן קידוש פאר שבת. אבער די פוינט איז אז ער קען עס געבן א טו גלייך.

וואס איז די חידוש אז גת איז לאו דווקא? ער מיינט צו זאגן עני וויין וואס איז... ס'איז נישט קיין חילוק, גת איז די זעלבע. ס'שטייט אזוי אין די גמרא, דאס איז וואס ער מיינט צו זאגן. ער זאגט אז ס'איז א הידור, א שיינע זאך פון מאכן שבת. ס'שטייט דארט נישט קיין וויין, ווייל ס'האט נישט קיין טעם פון וויין, ס'איז גרעיפ דזשוס. ס'איז בדיעבד.

#### דיסקוסיע: גרעיפ דזשוס איז נישט כשר פאר קידוש

**Speaker 2:** בדיעבד איז נישט בדיעבד, ווייל זייער אסאך מענטשן קענען נישט טרינקען וויין, און גרעיפ דזשוס איז זייער וועג פון יוצא זיין וויין.

**Speaker 1:** נו נו, ס'איז נישט קיין שמחה אין טרינקען גרעיפ דזשוס. דאס וואס מ'טאר טרינקען יין חדש מגתו איז ווייל ס'איז א וויין, ס'איז נאך פריש, און ס'האלט אינמיטן, ס'איז נאך נישט אינגאנצן וויין, אבער נישט א גרעיפ דזשוס וואס איז סתם א פסא זיסע געטראנק.

ס'גייט צוריק צו אונז וואס דו זאגסט אז כוס של ברכה ווען מ'טרינקט עס נישט איז פורים, אדער כוס של ברכה ווען מ'געבט א טעיסט א טראפ, וואס איז דא אן ענין פון כוס של ברכה. אבער, נישט יעדער איינער האט ליב וויין, אבער יעדער וויל טון מצוות כתקונן, טוט מען עס וויאזוי ס'זעט אויס, אפילו אויב ס'איז נישט די אמת'דיגע, ס'האט נישט די תוכן דערפון. יין איז נישט חשוב ווען ס'איז יין המשמח, אבער אויב ס'הייסט יין, יין איז מען יוצא. די זעלבע סיבה פארוואס מענטשן טרינקען כוס של ברכה און מ'געבט א קליינע סיפ, ווייל מ'וויל יוצא זיין עפעס. דו זאגסט אז ס'האט נישט קיין פשט, ס'איז אמת. אבער מענטשן טוישן זיך נישט אזוי שנעל צו אנהייבן ליב האבן וויין, אבער זיי ווילן טון די מצוה.

ער מעג מאכן קידוש אויף ברויט. עס שטייט מפורש אין רמב"ם. אפשר אין שולחן ערוך שטייט נישט אזוי, אבער דער רמב"ם האט גע'פסק'נט אז אויב איינער האט נישט ליב וויין, זאל ער מאכן קידוש אויף ברויט, ווייל דאס האט ער ליב. דאס האבן זיי דעמאלטס געהאט ליב.

אבער נישט אז ער זאל מאכן קידוש אויף גרעיף דזשוס. דאס איז פסול לגמרי.

**Speaker 2:** אקעי. **מדינה שרוב יינה...** סאו מען רעדט דאך דא פון יין חביב עליו, דו האסט עס בעסער ליב ווי די ברויט.

**Speaker 1:** דער רמב"ם מאכט נישט קיין חילוק. איך ווייס, איך בין זיכער אז עס איז בדיעבד. און אויך האלט איך אז גרעיף דזשוס איז נישט קיין יין חביב עליו.

**Speaker 2:** וואס נישט?

**Speaker 1:** ווייל איך וועל דיר זאגן. יין חביב עליו, מען רופט עס נייע ווין, מען רופט עס נישט גרעיף דזשוס. גרעיף דזשוס איז סתם א נייע זאך. מען האט קוים נישט געוועג אין פארדעם גרעיף דזשוס, אמת? ס'איז נישט קיין ווין, ס'איז נישט קיין... איך פארשטיי נישט די שאלה.

יין חביב עליו איז, ס'איז דא א מענטש וואס האט ליב אן א שיעור, ער וויל נישט ווארטן ביז עס ווערט ווין. ער האט יעצט ארויסגעטראפן די טרויבן, דאס איז זיס, ער האלט... איך וועל דיר זאגן נאך מער. דא רעדט מען פון א... ווען מען גייט אין די כרם, יא, דעמאלטס בימי בציר הענבים, יא, איז דא א תקופה אין די יאר, לאמיר זאגן, יא, תמוז? און ס'איז שוין א גאנצע יום טוב, מען ברענגט שוין די ווין, ס'איז שוין דא נייע געקוועטשטע ווין. אקעי, מען קען שוין מאכן קידוש אויף דעם אויך. אבער מען קויפט גרעיף דזשוס אין די סטאר, און מען רעדט זיך איין אז מען מאכט פון דעם ווין? איך ווייס נישט. איך בין זייער דערקעגן. איך ווייס נישט וואס דיר צו זאגן. אויב איינער האט נישט ליב, זאל ער מאכן קידוש אויף ברויט. וואס איז די בראך?

**הלכה יז (המשך) — מדינה שרוב יינה שכר**

**Speaker 1:** כער, ווייטער. **מדינה שרוב יינה שכר** — מדינה וואס די פאפולער טרינק דארטן, און אינטערעסאנט ער רופט עס "יינה", זעט אויס אז יין איז דער דייטש פון וואס מען טרינקט. חמר מדינה, חמר מיינט אויך ווין, יא. די אנגענומענע אלקאהאל, די בעוורידזש פון דעם פלאץ, איז שכר. רוב דעפענס. דאס הייסט אז ס'איז דא ווין אויך.

**אפילו שאינו פסול לקידוש** — דו האסט דאך נישט ווין, **מיטל הבדלה לכתחילה.** הבדלה קען מען יא מאכן דערויף, ווייל ס'איז ווי חמר המדינה. ער זאגט אונז נישט מער וואס, וואס איז פשט, דאס הייסט קידוש דארף זיין יין דווקא? אהא. ווי מען איז אנגעקומען צו דעם ער זאגט אונז נישט. ביידע לערנט מען ארויס, ביידע איז איין פסוק "זכור" און ביידע האבן חז"ל מתקן געווען עס זאל זיין אויף יין.

**דיסקוסיע: פארוואס חמר מדינה פאר הבדלה אבער נישט פאר קידוש?**

**Speaker 2:** נא, דער תירוץ איז פשוט, וואס איז דאס ווארט, זאגט דער מגיד משנה, קידוש אויב דו האסט נישט קיין ווין, מאך אויף ברויט. הבדלה קען מען נישט מאכן אויף ברויט, ממילא מוז מען מאכן אויף חמר מדינה. אבער אלס געוועגן... אלס הבדלה אלס מגיד משנה.

**Speaker 1:** אה, מיינט ער ווייל אויף הבדלה האסטו אן אנדערע אפשן, ממילא האט מען דא מתיר געווען. איך מיין אויב ביי קידוש איז דא אן אנדערע אפשן, ממילא האט מען דא נישט מתיר געווען.

**Speaker 2:** פאר וואס אבער נישט מ'קען מאכן הבדלה אויף ברויט?

**Speaker 1:** איך מיין אויב ס'איז דא א זאך ווי ברויט מ'עסט נישט דארט נישט נעכטן, אן אויף דעם שיעור. הבדלה האט נישט מיט קיין עסן. זאגט ער הבדלה האט נישט מיט סחידות.

**Speaker 2:** דאס מיינט אז איינער האט געגעסן מלוה מלכה, זאל ענדערש ווי איידער מאכן אויף גרעיף דזשוס אדער אויף יין, חמר מדינה...

**Speaker 1:** איך ווייס נישט. דער רמב"ם, דא זאגט צוויי פסקים וואס זאגן אנדערש, ביידע וועגנס. צוויי פסקים וואס זאגן דאס ס'קען מאכן יא קידוש אויף חמר מדינה, צוויי פסקים וואס זאגן דאס מ'קען מאכן הבדלה אויף פת, אבער פשטות ההלכה וואס דער רמב"ם ברענגט איז אז אויף הבדלה איז נישט דא אויף פת, ממילא איז דא חמר מדינה, קידוש איז דא אויף פת, קען מען מאכן אויף פת.

**דיסקוסיע: וואס קוואליפיצירט אלס חמר מדינה?**

**Speaker 1:** עס איז אויך אינטערעסאנט, ווייל היינט למשל מענטשן זענען זיך מקיל אפילו אויף, איך ווייס, אראנדזש דזשוס, קאוק, אבער דער לשון רוב יין אנד שכר, עס זעט אויס ווי עס איז נאך אלס אין די פֿעמילי פון ווין, אין די טערמס אז ס'איז א משקה המשכר. יא. אבער גיין זאגן אויף עפעס וואס איז בכלל נישט אין דעם מין, אין די... איך מיין אין די משנה סתם... ס'איז אויך געווען וואסער. קיינער פלעגט נישט זאגן אז וואסער איז א חמר מדינה.

**Speaker 2:** וואס איז געווען אין יענע צייטן? אויך ס'איז געווען מי פירות, אבער ס'איז מסתם געווען געוויסע זאכן וואס מ'קען טרינקען. פלעגט מען נישט טרינקען.

**Speaker 1:** ביסט גערעכט, מיר דארפן מדייק זיין. איך מיין לויט מיין האק, אז מ'דארף זיך אנטרינקען, אז די גאנצע זאך איז כבוד, זאל מען האבן אביסל שמחה, ביסט זיכער גערעכט.

אה, סאו קומט מען צו דעם לכאורה, אז רוב מענטשן זענען נישט קעיפעיבל, אבער רוב מענטשן טרינקען נישט קיין ווין, זיי ווילן נישט טרינקען א משקה, משקה המשכר מוצאי שבת... זאלן זיי יא, איז א מעשה? שוין, דאס שטייט אין די תורה אז מ'דארף טרינקען ווין, און די תורה רעדט דאך אויך אין א געוויסע... אזוי ווי די נארמאלע מענטשן... נארמאלע מענטשן, נארמאלע מענטשן, העלא? וואס האט ער געטון baby? I don't know... נארמאלע מענטשן וואס טרינקען אמאל... פרעגסטו א קשיא, אזוי ווי קליינע קינדער... אמאל פלעגט מען געבן פאר קליינע קינדער אויך צו טרינקען ווין. היינט איז זייער נישט איינגעפירט. יא, מ'זעט אין א ברית געבט מען שוין פאר די בעיבי ווין. דאס איז א אידישע מנהג אז מ'טרינקט פון דעם ווען מ'איז איין טאג, אכט טעג אלט. איך ווייס נישט וואס איז ביי די גוים וואס זיי טרינקען ווען זיי זענען אכט, סאפאוזעדלי. צורי חיה.

**דיגרעסיע: ווין מיט וואסער (מזיגה) אין אלטע צייטן**

**Speaker 1:** באט אמאל איז נישט געווען, אמאל איז נישט געווען קיין אנדערע טרינקעס, קיין ווין. אה, ס'איז נישט געווען, איך געדענק אז די ווין איז אויך געווען געמישט מיט דריי פערטל וואסער. איך האב געזען א שיינע פסק... פארשטייט זיך אז מ'קען געבן פאר א קינד, דאס איז געווען א פסק. זיי האבן געזאגט אז ס'קען נישט זיין, אבער זיי האבן ראיות אז די פאונדינג פאדערס, אז די מענטשן וואס האבן געמאכט די תקנה אז מ'מעג האבן א גאן אין אמעריקע, זענען אלעמאל געווען שיכור. מ'קען עס זען, איז דער שיכור! ער איז דער וואס האט דאס געזאגט! קען דאך נישט זיין! דער וואס איז אייביג שיכור, דורך זיין טאלערענץ לעוועל, זייער הויך. איז גערעכט, קען זיך טיילן. אזוי ווי חבל על דאבדין ולא משתכחין, עס איז שוין נישט.

אבער דער חכם האט מען גערעכט, אז אויב מ'זעט מיה מוזג וואס איז נאר א פערטל ווין, אז ס'הייסט ס'איז נאר צוויי פראצענט אלקאהאל קומט אויס. יא, א נארמאלע ווין איז די פערטל 12 פראצענט, אז עס איז א פערטל איז דייי 4 פראצענט. עס איז שוואכער ווי אונזער ביר. סאו... קען זיך זיין אזוי... מען קען אזוי טון. דער חכם, דער איז אן אמת'דיגע אייעץ. איינער וואס האט א שוועריקייט מיט טרינקען ווין, איז די און היינט איז דא א גוטע ווין וואס אים פארקויפט. אפשר האבן זיי שוין געמאכט די מזיגה אין די סטאר, איך פרייש ווי זיי מאכן עס. אבער עס איז פינף פראצענט... איך מאך קוויטן, איך האב דא דארפן יענדע ציינטיגע צייטן, ווייל איך וויל טרינקען ווין, אבער מיך האב נישט שוין כאכט צו טרינקען די פענסי ווין. סאו דעי ליידט ווין, עס איז גוט, עס געט א וויסל צום. אבער זייער וויניג, נישט פרמידה. יא. אקעי. גיימיר רעדן וועגן יום טוב. יא, ביבי?

**הלכה יח — קידוש והבדלה יום טוב**

**Speaker 1:** סאו דער רמב"ם, די אלע מצוות וואס מ'האט יעצט גערעדט וועגן קידוש, אינטערעסאנט, ער גייט דאס פארציילן אויך יום טוב, מצוות

קידוש יום טוב. די ערשטע מאל אין הלכות שבת וואס ער רעדט אונז וועגן עפעס יום טוב, יא? איך מיין, באלד וועט אנקומען הלכות יום טוב, וועלן מיר זען אז זייער אסאך מלאכות זענען בעצם די זעלבע, אבער דאס ווייסן מיר נאך נישט. טאקע אינטערעסאנט אז ער ווארפט אריין הבדלה, קידוש יום טוב דא.

קוק, קוק, קוק, זע די reason. **כשם שמבדילין בלילי שבת ומבדילין במוצאי שבת, כך**... די זעלבע זאך טוט מען יום טוב, מ'מאכט קידוש בלילי יום טוב ווען יום טוב קומט אריין, און מ'מאכט הבדלה במוצאי, די זעלבע זאך מוצאי יום הכיפורים. יום כיפור מאכט מען נישט קידוש, ווייל מ'טרינקט נישט יום כיפור.

**שכולם שבתות ה' הם** — די תורה זאגט אז אלע ימים טובים ווערן גערופן שבתות.

**דיסקוסיע: וואו שטייט "שבתות ה'"?**

**Speaker 2:** ווי שטייט אין פסוק די לשון שבתות?

**Speaker 1:** ס'שטייט "מלבד שבתות ה'" אין די ענד פון פרשת אמור, און איך מיין אז די גמרא דארט זאגט אז דאס מיינט ימים טובים אויך.

**Speaker 2:** ווי שטייט שבתות ה' אין די ענד? פארדעם זאגט ער "שבתון", דאס הייסט דאך שביתה, אמת?

**Speaker 1:** איך בין גאנץ זיכער אז די לשון שבתות ה', "מלבד שבתות ה'", דארף צו זיין... יא, אבער ס'קען זיין אז ס'מיינט אלע, אלע ימים טובים. נישט קלאר. מ'זעט אז פסח הייסט שבת, יא, ס'איז דא די ענין אז שביתה והוא שובת הייסט שבת, כולל יום טוב.

אבער שבתות ה', געווענליך וואס מ'זאגט אויף שבת, שבת ה' מיינט אז דער אייבערשטער האט גערוט. יום טוב האט דער אייבערשטער נישט גערוט, ס'איז דאך אונז רוען אויף א נס אדער וואס.

**Speaker 2:** שבת ה' מיינט נישט דאס. אזוי ווי "שבת הוא לה'", אה, רש"י ברענגט שוין דארט אין פרשת ויקהל, "שבת לה'", כשם שנעשה בשבת בראשית.

**Speaker 1:** ס'איז גערעכט. אבער קען זיין שבת ה' מיינט מ'רוהט לשם ה', לכבוד ה', לשם ה', אזוי ווי רש"י זאגט דארט, לשם ה'. דער כוזרי איז מאריך אז אלע ימים טובים הייסן שבתות ה', ווייל ס'איז דא אין דעם א געטליכע זאך אין די שביתה, ס'איז נישט סתם מענטשן האבן געמאכט צו רוען.

בכל אופן, איך מיין אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן, ממילא ווען ס'שטייט "זכור את יום השבת לקדשו", וואס פון דעם לערנט מען זכירה בשבח וקידוש, מיינט עס דוקא שבת, מיינט יעדע שביתה. קומט אויס אז לכאורה דארף קידוש היום אויך זיין דאורייתא לויט'ן רמב"ם פון דעם זעלבן פסוק, און פארדעם שטייט עס דא, ווייל דא איז די מצוה פון "זכור את יום השבת". אזא זאך מאכט ער דאורייתא. ער זאגט...

## קידוש יום טוב — דאורייתא אדער דרבנן? נוסח קידוש יום טוב, הבדלה, און "מקדש השבת וישראל והזמנים"

### קידוש יום טוב — דאורייתא אדער דרבנן?

**Speaker 1:**

אבער אניוויס, איך מיין אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן אז ממילא, ווען ס'שטייט **"זכור את יום השבת לקדשו"**, וואס פון דעם לערנט מען זכירה על היין, זכירה בשעת קידוש, מיינט עס דוקא שבת, מיינט עס יעדע שביתה. קומט אויס אז לכאורה דארף קידוש פון יום טוב אויך צו זיין דאורייתא לויט דער רמב"ם, פון די זעלבע פסוק, ווייל דעמאלט שטייט עס דא, ווייל דא איז די מצוה פון "זכור את יום השבת". אזא זאך מאכט א דאורייתא?

ער זאגט "זכור את יום השבת לקדשו", מיינט ער יום השבת. ניין, ער זאגט נאר פשוט אזוי ווי אזא גזירה שוה אז שבתות ה' הן.

ניין, ס'מיינט נישט, אזוי ווי אגיין, די פשוט'ע פשט מיינט עס בכלל נישט מאכן קידוש. לויט די פשט, אבער נאכאמאל, מיט די פשט פון חכמים, **"זכור את יום השבת לקדשו"** איז די מצוה פון קידוש. שטייט דאך דירעקט "שבתות ה'", ס'איז קלאר אז ס'איז א דרבנן. דער רמב"ם זאגט נישט אזוי קלאר, ער זאגט "כשם" און "כך", אבער ער זאגט נישט אז ס'איז אויך א מצוה דאורייתא. ס'איז נישט קלאר, ער זאגט "שבתות ה'", ממילא איז עס די זעלבע.

זייער גוט. סאו, אונזער מחלוקת, אזוי ווי אלע ווילן האבן א מחלוקת, ס'איז סתם צוויי מענטשן וואס זאגן זאכן. און טאקע דער מגן אברהם דא האט אנגענומען אז ס'מיינט טאקע מדרבנן, אבער דער מנחת חינוך האט געזאגט אז ס'שטייט "כשם", "כשם", איז דאך משמע אז ער מיינט אז ס'איז בכלל די פסוק "זכור את יום השבת לקדשו".

ס'איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה. איינע נפקא מינה איז ווען ער מאכט א ספק, ס'דארף יא זיין אן עכטע נפקא מינה. איינער געדענקט נישט צי ער האט געמאכט קידוש, ער דארף מאכן נאכאמאל. דער רמב"ם האט עס נישט געזאגט, אבער ס'דארף זיין אזא נפקא מינה, רייט?

**Speaker 2:**

רייט. לאמיר זאגן ער האט נישט געמאכט נישט ביים דאווענען, נישט ביי... ער איז מסופק אויף ביידע.

**Speaker 1:**

אמת.

**הבדלה מוצאי יום טוב — ווען מאכט מען הבדלה?**

**Speaker 1:**

רייט. ער זאגט **"ומבדילין"**, די זעלבע זאך איז מיט הבדלה, **"ומבדילין במוצאי ימים טובים"**. וועלכע מוצאי יום טוב? איז אבער דא א שאלה, ווען? וועלכע מוצאי יום טוב? זאגט ער, ביידע מוצאי יום טוב. סיי מוצאי יום טוב לחולו של מועד, דאס הייסט, ווען מאכט מען הבדלה? יא, רייט? ער האט שוין געזאגט **"ומבדילין במוצאי החג"**, א געווענליכע מוצאי יום טוב. דאס הייסט, ווען ס'איז מוצאי יום טוב צו חול, מוצאי ערשטע טעג יום טוב, אדער מוצאי שבת ליום טוב, ווען שבת פאלט אויס אין יום טוב, ווען מ'דארף מאכן מוצאי שבת, וואס טוט מען דעמאלט? מאכט מען הבדלה. להבדיל, ביי מוצאי יום טוב לשבת מאכט מען נישט קיין הבדלה על הכוס אדער בכלל?

**Speaker 2:**

ניין, בכלל נישט. מ'זאגט נישט קיין "אתה חוננתנו", מ'מאכט נישט קיין הבדלה.

**Speaker 1:**

ניין, ניין, ניין, מ'מאכט פארקערט. די איינציגסטע זאך וואס מ'זאגט איז ווען ס'איז מוצאי שבת צו יום טוב.

**Speaker 2:**

אה, מוצאי שבת צו יום טוב, רייט, רייט.

**יסוד ההבדלה — נאר ווען ס'ווערט מער וואכנדיג**

**Speaker 1:**

די כלל איז פשוט, ווען ס'ווערט מער, א גרעסערע קדושה, ווען ס'ווערט מער שבת'דיג, מאכט מען נישט קיין הבדלה, ווייל ס'איז מקלקל, ס'איז נישטא פארוואס. דו פרעגסט אזוי ווי דו מיינסט צו זאגן ביי א קדושת שבת אז ס'איז נישט יום טוב, קען מען זאגן אויך ווען ס'ווערט שבת. אבער ווען ס'ווערט הייליגער, מאכט מען נישט הבדלה. מ'דארף מאכן קידוש, מאכט מען טאקע קידוש לכבוד דעם נייעם שבת. אבער הבדלה מאכט מען ווען ס'ווערט וואכן. אפילו ווען ס'ווערט חול המועד איז גארנישט מער וואכנדיג. אפילו ווען ס'ווערט פון שבת צו יום טוב איז גארנישט מער וואכנדיג, מ'קען טון מלאכת אוכל נפש. ממילא מאכט מען הבדלה.

הבדלה זעט אויס פשוט אז דו טשוזסט אויס די בעסערע פון די שוואכערע. ווען ס'איז נישטא קיין אויס-טשוזן... טשוזן מיינט מבדיל זיין צווישן קאטעגאריעס, אזויווי בין אור לחושך, דו האסט דא די גוטע און די שוואכע. אפילו יום טוב לשבת איז דא די בעסערע, די ארויפערע מדריגה, אבער ווען ס'איז די זעלבע מדריגה אדער ארויף, איז נישטא די נוסח.

**נוסח קידוש יום טוב**

## Speaker 1:

די נוסח קידוש יום טוב...

## Speaker 2:

יא, גייט דער רמ"א און זאגט, די נוסח פון די קידוש פון יום טוב, פארוואס זאגט מען נישט די נוסח פון שבת? זאגט ער אזוי, די ברכה איז **"ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם"**, ער זאגט נישט "אשר קדשנו במצותיו". אינטערעסאנט, ביי שבת הייבט מען אן "אשר קדשנו במצותיו", וואס פון דעם האב איך געדרייט א קאפ אז ס'איז עפעס א ברכת המצוות'דיגע נוסח. דאס זאגט מען ממש נישט. ער זאגט, אשר בחר בנו, און יום טוב זאגט מען שהחיינו. וואס האט דער רמ"א עפעס דערמאנט שהחיינו?

## Speaker 1:

ניין, ניין, מ'גייט זען דעם נוסח. **"אשר קדשנו מכל עם ורוממנו מכל לשון"**. דאס איז די זעלבע לשון וואס מ'זאגט ביי די תפילה יום טוב, "אתה בחרתנו".

## Speaker 2:

אה, מ'רעדט פון הבדלת ישראל בין העמים.

## Speaker 1:

"בחר בנו...".

## Speaker 2:

ס'איז הבדלה, קידוש, יא, הבדלה זאגט מען מוצאי יום טוב.

## Speaker 1:

יא, איך זאג, מבדיל זיין די אידן פון די פעלקער.

**דיוק בלשון "ויגדלנו"**

## Speaker 2:

**"בחר בנו וקדשנו... בחר בנו ויגדלנו"**. "ויגדלנו" זעט אויס ווי א לשון עתיד, אזא זאך.

## Speaker 1:

ניין, ניין, שטיי, איך וועל דיר זאגן, אפשר איין טאג גייט עס נאך ווערן, און מ'זאל ווערן נאך גרעסער. דער ו' מאכט עס פאר די בעק.

## Speaker 2:

דו ביסט גערעכט, ס'איז בעסער געשטאנען דא. "הגדילנו" וואלט געווען קיין שטיין. "ויגדלנו" מיינט ער גייט אונז גרויס מאכן. "ויגדלנו" מיינט ער האט אונז גרויס געמאכט.

## Speaker 1:

אבער פארוואס זאל ער נישט זאגן "והגדילנו"?

## Speaker 2:

"ויגדלנו" איז נאכאמאל, "ויגדלנו" וואלט לכאורה בעסער געשטאנען. אבער ער קען עס טון אויך לשון היפוך. און לשון הקודש אלעמאל גייט עס אזוי. "ויאמר" טייטשט ער, ער האט געזאגט, יא? נישט "אמר" איז אויך ער האט געזאגט, אבער "ויאמר" - ער האט געזאגט א גאנצע גמרא אז "יאמר" מיינט ער גייט זאגן. **"ויגדלנו"**, **"ורצה בנו ויפארנו"**. סאו דער שטיקל ס'פיט נישט אין אונזער מח. מ'גייט עס אריינלייגן, ס'איז איין שטיקל, ניין? רצה בנו ויפארנו? וואס איז "ויפארנו"? דאס איז ווידערמאל, מיינט עס טאקע אין לשון עתיד. אה, נישט אזוי ווי "רצה והחליצנו", איז יא לשון עתיד. מיט א ו' מיט א פתח. "והתקננו" זעסטו אויך, ס'איז א לשון עבר, "והתקננו". נישט סתם "תקננו", **"והתקננו ה' אלוקינו באהבה"**.

**"מועדים לשמחה, חגים וזמנים לששון"**

## Speaker 2:

**"מועדים לשמחה"**, מועדים, צייטן וואס מ'זאל זיין בשמחה. **"חגים וזמנים לששון"**. ס'איז אלץ דאפלטע לשונות. "קדשתנו", "רמיתנו", "בחרת בנו", "רצית בנו", "מועדים", "חגים וזמנים", ס'מיינט די זעלבע זאך בעיסיקלי, רייט? ס'איז מליצות. לאז אונז געבן וואס? **"את יום טוב מקרא קודש הזה"**. דער יום טוב מקרא קודש. מקרא קודש מיינט אייביג ווען מ'פאראזאמלט זיך פאר קדושה, פאר ענינים שבקדושה. **"את יום חג המצות הזה"**, אדער וועלכע טאג ס'איז, חג השבועות אדער חג הסוכות. און יעדער יום טוב האט אויך א טיטל וואס איז די ספעציאליטעט פון דעם טאג. יום טוב פסח איז **"זמן חירותנו"**, שבועות איז **"זמן מתן תורתנו"**, און סוכות איז **"זמן שמחתנו"**.

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ס'האט אויסגעקוקט ווי שמחה איז קודם איז דא א כלליות'דיגע שמחה פאר אלע ימים טובים, און חג הסוכות איז עס נאך "זמן שמחתנו".

## Speaker 1:

איך וואלט געטראכט, אפשר גייט עס דאפלט. דהיינו, "מועדים לשמחה" איז מקרא קודש, יום טוב. און "חגים וזמנים", ווייל ער זאגט "זמן", איז דא "זמן חירותנו", "זמן מתן תורתנו", "זמן שמחתנו". יא, אבער זיי זענען אלע "לששון", יא? זיי זענען אלע שמחה. אלע זענען שמחה. סאו סוכות איז א דאבל שמחה אזא. אדער נאר שמחה. ס'האט נישט קיין אנדערע עקסקוז, ס'איז נאר "זמן שמחתנו". ס'בלייבט אזוי. אבער סוכות הייסט חג, חג ה', מ'רעדט חגים.

זאגט ער נאכאמאל באהבה. פריער האט ער געזאגט אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן באהבה ימים טובים, און נאכאמאל באהבה. ס'איז דאך אונזער רצון, באהבה גייט ארויף אויף דעם ווארט רצון, אונזער רצון.

## Speaker 2:

ניין, ס'גייט זיכער ווייטער, איך גלייב נישט אזוי. איך גיי פארשטיין פארוואס. **זכר ליציאת מצרים**. נו, פארוואס? **כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים. ומועדי קדשך בשמחה ובששון הנחלתנו. ברוך אתה ה', מקדש ישראל והזמנים.**

**"זכר ליציאת מצרים" אין קידוש יום טוב**

## Speaker 1:

איז מועדי קדשך, פריער האט ער נאר געזאגט אז ער האט אונז געגעבן מיט אן אהבה, ער האט אונז געגעבן מיט א שמחה. אבער מועדי קדשך בשמחה ובששון, מועדי קדשך של שמחה וששון. אזוויוי... ער האט אונז געגעבן בשמחה ובששון הנחלתנו, דער אייבערשטער האט אונז עס געגעבן מיט א שמחה. ווען ער האט אונז עס געגעבן האט ער זיך געפרייט. ער האט אונז עס געגעבן מיט א שמחה, מיט א רצון, מיט אן אהבה. איך ווייס נישט, די אלע זענען איין ווארט. דער אייבערשטער האט דאך נישט קיין פילינגס. ער וויל עפעס זאגן אז ס'איז א מתנה טובה וואס ער געבט מיט א שמחה.

אבער ס'קען זיין נישט. ס'קען זיין מועדי קדשך של שמחה וששון. און איך האב געטראכט, מועדים לשמחה, ס'גייט דאך אויף דעם וואס מ'זאגט מועדים לשמחה. ס'גייט צוריק אויף וואס מ'האט געזאגט דעמאלטס. שמחה איז אונזער שמחה. אהבה איז דער אייבערשטער'ס אהבה, אבער שמחה איז אונזער שמחה. אזוי קומט אויס. ס'שטייט יא אין פסוקים אז דער אייבערשטער פרייט זיך, יא, ישמח ה'. אקעי.

און צו ער זאגט זכר ליציאת מצרים, קען זיין, האט אייביג... אויסער דעם וואס אויף פסח איז קלאר זכר ליציאת מצרים, אבער ס'האט צו טון מיט דעם אז בחר בנו מכל עם. ווען זענען מיר געווען די ערשטע מאל וואס ער האט געוויזן איין פאלק פון אלע אנדערע פעלקער? ווען מ'רעדט דא אלס בחירה

מן האומות, זאגט מען זכר ליציאת מצרים. יעדע מאל ווען אידן האבן באקומען די ספעציעלע מתנה פון שמחה, דאס איז א זכר צו יציאת מצרים, און די אידן זענען געווארן אויסגעוועלט. יא, יא, יא, איך מיין אזוי.

און ווען עס חל'ט צו זיין בשבת, דעמאלטס קומט די מצוה וואס מיר האבן גערעדט ביי שבת. איז נישט אזוי שווער צו פארשטיין פארוואס איז דאס א זכר צו יציאת מצרים. ניין, איך זאג אבער זכר צו יציאת מצרים איז נישט אז די יום טוב איז דווקא א זכר צו יציאת מצרים, נאר טאקע אז אונז דארפן אין זינען האבן יעצט זכר צו יציאת מצרים, קען זיין דאס אויך. אבער די עצם באקומען די יום טוב פאר שמחה, און די אהבה ורצון, דאס דערמאנט אונז אין אונזער אריגינעל ווערן נבחר ביציאת מצרים.

### "מקדש השבת וישראל והזמנים" — ווען יום טוב חל בשבת

**Speaker 1:**

און ווען עס חל'ט צו זיין בשבת, דעמאלטס זאגט ער, קודם **מקדש ישראל והזמנים**, און אבער אויב עס געשעט שבת, וואס טוט מען דעמאלטס? זאגט מען קודם שבת, **וחותם כדרך שחותם בתפילה**. וואס איז אונז שוין געזאגט? די תפילה האט אונז שוין געזאגט אז **מקדש השבת וישראל והזמנים**. איך מיין דארטן האט דער רמ"א מסביר געווען אז ישראל זענען מקדש די זמנים, שבת איז דער אייבערשטער מקדש, אז דער אייבערשטער ברוך הוא מקדש השבת, און די זעלבע ברוך הוא מקדש ישראל, און די זמנים גייט שוין אויף די ישראל. איך מיין אז די מקדש גייט דערויף אויף שבת און ישראל, נישט אויף די זמנים. איך בין נישט מסכים.

דער רמ"א האט עס נישט געברענגט, איך מיין אז דאס שטייט אין די גמרא, אבער... יא, עס שטייט אין די גמרא. עס איז נאר א שאלה פון די סדר. דאס הייסט, דער אייבערשטער מקדש גייט אויף אלע דריי. דער אייבערשטער איז מקדש שבת, און ישראל, והזמנים. אזוווי מקדש ישראל והזמנים, דער אייבערשטער איז מקדש אויך ישראל און די זמנים. די גמרא קומט נאר צו מסביר זיין פארוואס אויב אזוי, ווען עס איז שבת, גייט מען דאך אן אנדערע סדר. דארף מען דאך זאגן מקדש ישראל והשבת והזמנים, אז עס זאל גיין די נארמאלע סדר. נאר זאגט די גמרא, מ'קען עס פארשטיין, ווייל ישראל האט שייכות מיט די זמנים. שבת האט נישט אזא שייכות מיט ישראל. שבת זאגט מען דאך מקדש ישראל, פארוואס גייט נישט? ווייל שבת האט דער אייבערשטער מקדש געווען, און עס האט וויניגער מיט די אידן. סאו ישראל קומט אריין צווישן שבת און זמנים. אבער איך גלייב נישט אז מ'דארף טייטשן מקדש ישראל שהם קידשו את הזמנים. די גמרא זאגט טאקע אזוי, אבער איך מיין נישט אז דאס איז די טייטש. איך מיין אז דאס מאכט סענס אויף די סדר.

מ'דארף וויסן, ווייל אין די נוסח פארדעם שטייט אויך אז דער אייבערשטער איז מקדש די ימים טובים. עס שטייט אז דער אייבערשטער איז מקדש די אידן. **"שבחר בנו... וקידשנו... ותתן לנו... מועדיך לשמחה, מקראי קודש"**. די ווארט מקראי קודש, עס קען זיין אז די קדושה פון די יום טוב, דא שטייט נישט אז דער אייבערשטער... דער מקרא קודש מיינט אונז קומען זיך צוזאמען פאר קודש. דאס הייסט די אידן מאכן די קידושת הזמן. פארוואס זאגט די גמרא "מקדש ישראל והזמנים"?

**Speaker 2:**

"מקדשך"? איך זאג דיר... "מקדשך"? ס'איז נאר צו מאכן די חילוק פון יום טוב צו שבת, פארוואס מ'לייגט עס אריין אינצווישן.

**Speaker 1:**

אקעי. וואס וואלט איך געטראכט?

### הלכות קידוש יום טוב והבדלה — פרק כט (המשך)

#### נוסח קידוש יום טוב — "מקראי קודש"

**Speaker 1:** "וקדשתנו... ותתן לנו... מקראי קודש". דאס ווארט "מקראי קודש". ס'קען זיין אז די קודש פון די יום טוב, דא שטייט נישט גארנישט פון די אייבערשטער, "מקראי קודש" מיינט אונז קומען זיך צוזאמען פאר א קודש. דאס איז די אידן מאכן די קידוש הזמנים, ווי די גמרא זאגט. איך זאג דיר, ס'איז נאר צו מאכן די חילוק פון יום טוב צו שבת, פארוואס מ'לייגט עס אריין אינצווישן.

וואס וואלט איר געטראכט? דער אייבערשטער האט געמאכט די מצוה פון יום טוב אויך. דער אמת, אלעס מאכט דער אייבערשטער. אבער ווייל די גאנצע קדושה קומט פון די... יא, גוט, ס'איז נישט אינגאנצן דער אמת, דא איז דא א נקודה, אז די יום טוב מאכן אונז די קדושה וכדומה.

**Speaker 2:** וואס הייסט אז ישראל האט מער מיט ישראל?

**Speaker 1:** איך האב אויך געמיינט אזוי ווי דו האסט געזאגט, ווייל יום טוב איז מער אידיש. אבער שבת איז בעצם שביתה פון די גאנצע וועלט. יום טוב האט צו טון מיט יציאת מצרים, מיט די נסים וואס איז געשען.

**Speaker 2:** יום טוב איז נישט דא שביתת בהמה, שביתת עבדים?

**Speaker 1:** ניין, ניין, נישט אזוי ווייט צו מאכן די דרוש.

#### נוסח קידוש ראש השנה

**Speaker 1:** ווייטער, שוין. ביי ראש השנה, אמת? אקעי. וואס זאגט מען ראש השנה? ראש השנה זאגט מען אזוי: **"ותתן לנו ה' אלקינו אויך באהבה את יום מקרא קודש הזה"**, וועלכע יום טוב איז דאס? **"את יום הזכרון הזה"**. דער יום הזכרון, די טאג וואס מ'קומט ארויף לזכרון לפני ה', **"זכרון תרועה"**, די טאג פון תקיעת שופר, **"באהבה זכר ליציאת מצרים, כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים"**. יא, ראש השנה זאגט מען אויך "זכר ליציאת מצרים". מ'דערמאנט עס אויך אין די תפילה.

**Speaker 2:** יא, יא, אבער ס'זאגט דא, אבער...

**Speaker 1:** אויך דערמאנט מען עס ביי מלכיות, מ'דערמאנט עס איבראל. **"כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים"**.

די ספעציעלע חתימה פאר ראש השנה איז **"ודברך אמת וקיים לעד"**. די דבר ה' איז אמת וקיים לעד. פארוואס איז דאס אזוי דירעקט אין ראש השנה? מיר האבן שוין געלערנט די שבת, מיר האבן שוין פארגעסן. מיר וועלן זאגן צוויי פשוט'ע. די צדקות פון מלכיות, **"ברוך אתה ה' מלך על כל הארץ". מקדש ישראל ויום הזכרון.**

#### זכרון תרועה vs. יום תרועה — דער רמב"ם'ס שיטה

**Speaker 1:** און דער רמב"ם מאכט נישט די חילוק. אין אונזער סידור שטייט אז אויב ס'איז שבת זאגט מען זכרון תרועה, און אויב ס'איז אין די וואכן זאגט מען יום תרועה, לויט די דרשה. אבער דער רמב"ם זאגט תמיד זכרון תרועה. דאס הייסט, וואס איז ביי אונז די זמן, אזוווי יעדן יום טוב זאגט מען "יום חג המצות הזה זמן חירותנו", איז זכרון תרועה איז במקום די זמן פון ראש השנה.

**ואם חל להיות בשבת**, וואס איז די סדר? איז ער **מקדש שבת וישראל ויום הזכרון, כדרך שהוא אומר בתפילה**, אזוווי מ'האט געזאגט די אנדערע ימים טובים, אזוווי די תפילה וואס מ'האט געזאגט אזוווי שבת.

### הלכות קידוש יום טוב

#### קידוש על היין או על הפת

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **בלילי יום טוב**, ער האט געזאגט אז יום טוב איז אויך דא א מצוה פון קידוש און הבדלה. וואס איז מער ווען קידוש? די קידוש על היין זאגט ער, **בלילי יום טוב זאגט מען מקדש על היין כשבת. ואם אין לו יין**, און ער האט נישט קיין ווייין, **או שרצה**, אדער ער וויל, **מקדש על הפת**, איז די זעלבע הלכה אזוווי שבת אז מ'איז מקדש על הפת. **וביום טוב צפרא**, זאגט ער, **מקדשין קידושא רבא, כדרך שמקדשין בשבת יום טוב צפרא.**

### יקנה"ז — ליל יום טוב שחל במוצאי שבת

#### סדר הברכות

**Speaker 1: כיצד מברכין בלילי יום טוב שחל להיות באחד בשבת?** ווען ליל יום טוב געפאלט באחד בשבת, דאס הייסט מוצאי שבת, דארף מען דאך מאכן הבדלה אויף די שבת און קידוש אויף די נייע יום טוב. איז וויאזוי

איז די סדר? איז **בתחילה מברך על הגפן, ואחר כך מקדש קידוש היום טוב, ואחר כך מברך על הנר**, נאכדעם מאכט מען די בורא מאורי האש אויף די נר, **ואחר כך מבדיל**, און די לעצטע ברכה איז די ברכת הבדלה. **ובברכת הבדלה אומר המבדיל בין קודש לקודש**, ווייל ס'קומט נישט אריין שבת, **ואחר כך מברך שהחיינו**. ער האט נאכנישט געזאגט בין קודש לחול. סאו יעצט קען אונז לערנען. און די גמרא רופט אן אונז דעם יקנה"ז, יא.

**Speaker 2:** יא, ס'איז א זיידע, ער זאל לעבן.

**Speaker 1:** יא, יא.

#### שהחיינו אויף יום טוב

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **כל לילי יום טוב ולילי יום הכיפורים** זאגט מען שהחיינו. אזוויי ער האט יעצט דערמאנט די מוצאי, אבער אייביג, לילי יום טוב ולילי יום הכיפורים זאגט מען שהחיינו. **ובשביעי של פסח אין מברכין שהחיינו**. פארוואס? ווייל אנדערש ווי שביעי של סוכות, וואס איז א רגל בפני עצמו וואס האט פארשידענע הלכות מיט וואס הייסט עס ווי א נייע יום טוב, שביעי של פסח איז איין רגל בפני עצמו. ברכת הזמן, בתחילת הפסח האט ער שוין געמאכט די ברכת הזמן, די שהחיינו, האט ער שוין געמאכט אנפאנג פון די יום טוב.

#### סדר הבדלה במוצאי שבת

**Speaker 1:** זאגט אונז די רמב"ם ווייטער פארציילן די סדר הבדלה. אונז האבן נאר געזען דערווייל נר, און בדרך אגב, אזוי דא ביי די... אונז האבן שוין געלערנט אויך אנדערע הלכות וועגן די נר, אבער יעצט גייט ער זאגן וויאזוי מען מאכט הבדלה.

אקעי. זאגט דער רמב"ם, **סדר הבדלה במוצאי שבת** איז אזוי, ער זאגט, **"מברך על היין, ואחר כך על הבשמים, ואחר כך על הנר."** דאס איז די סדר: יין, בשמים, נר. **"וכיצד מברך על הנר?"** וואס איז די ברכה אויף די נר? **"בורא מאורי האש"**.

### הלכות נר של הבדלה

#### שיעור אור — עד שיהנה לאורו

**Speaker 1:** אזוי, יעצט אז מיר האבן געלערנט אז די ענין פון מברך זיין על הנר, קען מען לערנען אלע הלכות וואסערע אור מ'מאכט א ברכה אויף, וואס איז די בורא מאורי האש, אויף וואס? זאגט דער רמב"ם, **"אין מברכין על הנר עד שיהנה לאורו."** מ'מאכט די ברכה אויף די לעכט נאר נאכדעם וואס מ'האט הנאה פון די לעכט. דאס מיינט נישט אז מ'צינדט עס אן, דאס מיינט עד שיהנה, אזוויי קוק וואס ער זאגט ווייטער, **"כדי שיהא אור גדול שיכיר בו בין מטבע מדינה זו למטבע מדינה אחרת."** ס'זאל זיין גענוג לעכטיג אז מ'זאל ממש קענען דערקענען, נישט אזוויי די מינימום לעכטיגקייט, איך ווייס, ביי התחיל להכיר, נאר ממש קענען גוט זען אויף מטבעות, אז מ'קען זען צווישן איין מטבע און אן אנדערע מטבע. ווען מ'האט אזא לעוול הנאה, דאס מיינט אז ס'זאל זיין אזא סארט לעכט וואס מ'זאל קענען הנאה האבן, נישט מ'שטעלט א פייער, ס'זאל זיין א שטארקע לעכט, און דאס איז וואס מאכט די הנאה, נישט מ'זאל סתם יוצא זיין מיט עפעס א קליינע לעכטעלע.

#### נר של גוים

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם אזוי, **"ואין מברכין על נר של גוים."** ס'איז דא הלכות וואס מ'טאר נישט. אויף נר של גוים, ס'טאקע א גוי וואס צינדט אן א לעכט, טאר מען אונז נישט מאכן בורא מאורי האש אויף זיין לעכט. פארוואס? **"שסתמן עובדין לעבודה זרה."** סתם ווען גוים מאכן א מסיבה וואס זיי פארברענגען, האבן אונז מורא אז ס'איז לעבודה זרה, ס'איז דא א חשש אז ס'איז לעבודה זרה. סתם א מסיבה. ווען א איד מאכט א סתם א מסיבה, מאכט עס פאר עבודת השם, אמת. און א גוי מאכט א מסיבה, ער מאכט עס פאר זיין גוטסקייט. סתם א נר וואס א גוי... אויב דו ווייסט קלאר, מילא. אבער אויב דו סתם טרעפסט א נר פון א גוי, זאלסטו אנעמען אז ס'איז עבודה זרה, מ'טאר דאך נישט הנאה האבן דערפון.

#### דיסקוסיע: איסור ברכה vs. איסור הנאה

**Speaker 2:** מ'טאר נישט מאכן די ברכה. ס'זעט אויס אלס הנאה, אפשר דארף מען נאך נישט חושש זיין אז ס'איז עבודה זרה. אבער פאר די ברכה, זיי זאגן נישט מ'טאר נישט הנאה האבן. אבער ס'איז דא א איסור הנאה פון עבודה זרה, ניין? א לעכט וואס מ'האט געמאכט פאר א מסיבה פאר עבודה זרה, איך ווייס נישט וואס דאס הייסט. ס'איז נישט קיין תקרובת עבודה זרה אדער עפעס. ס'איז א מסיבה וואס מ'מאכט, ס'איז א גוי'אישע זאך. ס'איז נישט קיין שיינע זאך, אבער ס'מיינט נישט אז ס'איז ממש א איסור עבודה זרה. איך ווייס נישט. אקעי.

**Speaker 1:** ער זאגט נישט סתם נר לעבודה זרה, ער זאגט די מסיבה. ער מאכט די לעכט צו מאכן לעכטיג פאר די עולם זאל קענען עסן, אבער די סיבה פאר די פארטי איז...

**"ואין מברכין לא על נר של עבודה זרה ולא על נר של מתים"**. איך מיין אז דאס איז וואס ער רעדט זיך פון. אקעי, מ'האט נישט געקענט. ער ענדיגט אויף "אין מברכין", ער זאגט נישט "אסור ליהנות".

#### נר של מתים

**Speaker 1:** די ברכה מאכט מען נישט אויף נר של עבודה זרה אדער אויף נר של מתים. אויף נר של מתים איז זיכער נישטא קיין איסור, ס'איז נאר סתם נישט קיין פריילכע... ס'איז נישט קיין הידור מצוה, ס'איז נישט קיין... מ'פרייט זיך אויף וואס דער אייבערשטער האט באשאפן לעכטיגקייט. גיי מיר נישט נעמען נעגאטיוו לעכטיגקייט פון עבודה זרה אדער מתים.

#### ישראל שהדליק מגוי

**Speaker 1:** ווייטער, **"ישראל שהדליק מגוי, או גוי מישראל"**. א איד האט אנגעצונדן א לעכט פון א גוי. אזא גוי'אישע לעכט וואס מ'מאכט נישט א ברכה, און נאכדעם איז געקומען א איד און האט אנגעצונדן זיין פייער פון יענע פייער, אדער פארקערט, דער גוי האט אנגעצונדן פון די אידישע פייער. **"או גוי מישראל, מברכין עליו"**. מ'מאכט מען יא א ברכה, איך קען מאכן א ברכה. אבער **"גוי מגוי"**, איין גוי האט אנגעצונדן פון די צווייטע גוי, און דו זעסט עס, **"אין מברכין עליו"**.

**Speaker 2:** אפשר איז דאס ווייל מ'האט מורא פון עבודה זרה?

**Speaker 1:** יא, איך האב נישט די חידוש, ס'איז פשוט.

#### דיסקוסיע: נר של גוים — מסיבה אדער סתם?

**Speaker 2:** ניין, רבי, דא רעדט מען אן א מסיבה. איך פארשטיי נישט. פארוואס רעדט מען נאר א מסיבה? מ'טוט נישט פאר א נר של גוים, ווייל סתם נר, סתם א לעכט וואס א גוי צינדט אן. ס'שטייט נישט "אין מברכין על נר של מסיבה של גוים".

**Speaker 1:** אבער ס'איז אויך נישט געשטאנען די ווארט "סתם מסיבות". איך מיין "נר של גוים" מיינט אז מ'זעצט א סעודה. אויב דו זיצט אין א סעודה און דו זיצט נעבן די לעכט.

**Speaker 2:** דא רעדט ער סתם, דו האסט פונקט מיטגעהאלטן, איך ווייס נישט. דו זעסט ער ברענגט עס אלס אן עקסטערע הלכה.

**Speaker 1:** איך פארשטיי. אפשר איז דאס פשוט, איך ווייס נישט. אקעי.

#### הולך חוץ לכרך וראה אור

**Speaker 1:** אויב **א הולך חוץ לכרך**, א מענטש גייט אינדרויסן פון שטאט, ער איז געגאנגען מחשיך זיין על התחום, **וראה אור**, ער זעט א ליכטיגקייט, און ער וויל מאכן ברכת בורא מאורי האש.

**Speaker 2:** דו מיינסט א פייער, א מאורי האש, נישט א מאורי אור.

**Speaker 1:** ער זעט פייער אנגעצינדן, ער זעט א בירא דלקתא. איז אזוי, **אם רוב אנשי הכרך גוים**, איז גייט מען נאך רוב, און מ'טראכט אז די ליכטיגקייט וואס דו זעסט פון ווייטנס איז א גוי'אישע ליכטיגקייט, און מ'מאכט נישט קיין ברכה אויף א גוי'אישע. **ואם רוב ישראל, מברך**. גייט מען נאך רוב.

**דיסקוסיע: שיעור "שיכיר בין מטבע למטבע" – אין דער ליכט אדער אין דעם מענטש?**

**Speaker 2:** דא זעט מען אז מ'קען מאכן ממש וועו די "יהאוס לאורו" מיינט אז ס'איז גענוג א גרויסע ליכטיגקייט. אפילו דארטן וואו דו שטייסט, דער מענטש וואס איז חוץ לשטאט, ער קען מסתמא נישט קענען זען די... איך גלייב שווער אז מ'קען זען... ער זעט די ליכטיגקייט, ער קען נישט זען צווישן צוויי מטבעות. איך גלייב שווער, די מענטשן דארטן קענען זען מטבעות, די שיעור איז אין די גרויסקייט פון די לעכט, נישט אז דער מענטש וואס מאכט די ברכה דארף דוקא האבן אזא לעוועל הנאה פון די לעכט.

**Speaker 1:** אפשר קען ער יא, איך ווייס נישט. אויב ער קומט פון די ווייטנס, ער קען נישט זען צווישן צוויי מטבעות, ער קען אויך נישט זען וועלכע הויז דאס איז און אזוי ווייטער.

**Speaker 2:** דו האסט געמאכט א כלל פון מציאות וואס איך בין נישט זיכער דערין. דו אסומסט אז מ'קען נישט, אפשר קען מען יא. די אלטע הייזער קען יא זיין ווייט פון די שטאט, נישט ווייסן וועמענס הויז דא ברענט א פייער, אבער דאך קענען גוט זען אויף א מטבע. איך גלייב שווער.

**Speaker 1:** אקעי, but again, דו אסומסט, דו זיצסט דא אין אפיס און דו אסומסט ווי אזוי די ריאליטי ארבעט. אקעי.

אבער הטובה, ער זעט ליכטיגקייט פון די ווייטנס, ס'איז נישט ליכטיג ביי אים, ער זעט ליכטיגקייט, ער קען מאכן בורא מאורי האש אויף זען ליכטיגקייט.

**Speaker 2:** איך האב געהערט וואס דו זאגסט, איך זאג דיר נאר א פראבלעם, אז דו זאגסט א טעאריע ווי אזוי דו וואלסט געדארפט האבן אן אפיס געדארפט האבן... ס'איז דא א טעאריע, אבער ס'שטימט נישט לויט די מציאות, אן שום קשר צו די מציאות. מ'קען נישט מאכן אזוינס.

**אור של כבשן, תנור, כירה**

**Speaker 1:** **אור של כבשן, ושל תנור, ושל כירה**, א פייער וואס איז געמאכט פאר קאכן basically, right?

**Speaker 2:** אה, כבשן איז נישט קאכן, אבער א כבשן איז... וואס איז געמאכט צו... צו פארמאכן די רענער...

**Speaker 1:** אקעי, וואטעווער... לויה'נים, יא, געווענליך פאר א כיבוש האש.

**לכתחילה לא יברכו עליו**, ווייל ס'דארף זיין דווקא א נר.

**Speaker 2:** אינטערעסאנט. וואס איז ראנג דערפון? ס'איז נישט געמאכט צו זיין א... פייער? ס'איז נישט... לכתחילה...

**הלכות הבדלה – על איזה אור מברכים (המשך)**

**הלכה כו (המשך) – אור של כבשן ושל תנור ושל כירה**

**Speaker 1:** מ'קען נישט נאכדעם מחול זיין.

שוין. **אור של כבשן ושל תנור ושל כירה** – א פייער וואס איז געמאכט צו קאכן בעיסיקלי, רייט? א כבשן, נישט קאכן, אבער יא, א כבשן, א כבשן... וואס איז עס געמאכט צו? א פייער. מ'מאכט דערין... אקעי, וואטעווער. אדער לבנים, יא, געווענליך אין א כבשן. **לכתחילה לא יברך עליו**, ווייל ס'דארף זיין דווקא א נר.

אינטערעסאנט. וואס איז ראנג דערמיט? ס'איז נישט געמאכט צו זיין א פייער? ס'איז נישט... מאורי האש. ס'איז דער פייער וואס איז געמאכט פאר לעכטיגקייט.

א גחלת? אה. ניין, לכאורה מאכט עס סענס פארוואס איז געווען מסיבה להבדיל. נר געווענליך איז געמאכט געווארן צו באלייכטן, צו ווי מ'האט א כבוד, ווערסעס אנדערע פייערס וואס זענען געמאכט פאר קאכן.

**גחלת**

יא. **הגחלת** – אה, קולה. איז אזוי. **אם שיכניס קיסם לתוכה וידלוק מאליו**, אויב איז עס גענוג א לעבעדיגע קויל, אזוי אז דו לייגסט אריין א קליין שפענדל האלץ וועט זיך עס אנצינדן פון טאטשן די גחלת, **מברכין עליה**, ווייל דאס מיינט אז ס'איז געווענליך אזא גחלת, און זעט מען די אור דערפון. **אבער אם לאו** – ניין.

**אור של בית המדרש ושל בית הכנסת**

**אור של בית המדרש** – די לעכט וואס ליגט אנגעצונדן אין בית המדרש, איז אזוי, **אם יש שם אדם חשוב שמדליקין בשבילו**, אויב איז דא דארט אן אדם חשוב וואס מ'צינדט עס אן אז ער זאל האבן לעכטיגקייט אין בית המדרש, האט מען עס אנגעצונדן לאור, האט מען עס אנגעצונדן אז ס'זאל מאכן לעכטיג פאר איינעם, קען מען מאכן דערויף א ברכה. **אבל אם לאו** – איז עס נאר פאר א כבוד פון די בית המדרש, און נישט געמאכט געווארן לאור, וכו' לאורה אינו צריך, יא, ווען ס'איז נישט דא דארטן קיינער.

**ושל בית הכנסת** – די זעלבע זאך, **אם יש שם חזן שדר שם**, אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט אז געווענליך אין בית המדרש איז דא דארטן איינער וואס וואוינט דארט, א חזן הכנסת וואס וואוינט דארט, ווי מיר האבן געלערנט נעכטן ביי עירוב, **איז מברכין עליו** – קען מען מאכן אויך די זעלבע סיבה.

**אבוקה – מצוה מן המובחר**

זאגט דער רמב"ם, **"והאבוקה להבדלה מצוה מן המובחר"**. ביז יעצט האבן מיר גערעדט וועגן נר, אבער ער זאגט אז דער אמת'דיגער בעסערער וועג פון מאכן הבדלה, די מצוה מן המובחר איז, זאל זיין א שטארקע לעכט. אן אבוקה איז צוזאמגעשטעלט פון אפאר לעכט, מער ווי איין פלאם. דאס איז נאר א מצוה מן המובחר.

**אין מחזירין על האור**

און נאך א זאך וואס אויך ווייזט אז ס'איז נישט ממש א חיוב די גאנצע ברכה על האור, זאגט דער עין חזון על האור, **"כדרך שאין מחזרים על כל המצוות"**. ווי אלע אנדערע מצוות דארף מען עס נאכלויפן, נאכגיין. ווי למשל, א מצוה ווי לייגן תפילין דארף מען גיין ביז דריי פרסאות. ס'איז דא געוויסע כללים, אויף א מצוה דארף מען אויפגעבן עד שליש ממונו, דא און דעם. אבער מ'דארף נאכגיין א מצוה. אבער די מצוה פון מאכן א בורא מאורי האש איז נישט די סארט מצוה. **"אלא אם בא מברכין עליו"**. זעט מען אז ס'איז נישט אזא וויכטיגע מצוה, אפשר הייסט עס בכלל נישט ממש א מצוה, נאר א ברכה. אויב ס'קומט אונטער, מברכין עליו.

**דיסקוסיע: פארוואס ס'איז דא שאלות פון גוי'אישע לעכט**

ס'קען זיין אז דאס איז די הסבר פארוואס ס'איז דא שאלות פון גוי'אישע לעכט, ווייל דו דארפסט נישט גיין קויפן לעכט. ס'איז נאר עפעס וואס ווען ס'קומט אונטער הייבט זיך אן שאלות. ס'איז אים אונטערגעקומען א לעכט פון גוים, ס'איז אים אונטערגעקומען א לעכט פון דערווייטנס.

**Speaker 2:** יא, גוטער פשט?

**Speaker 1:** יא, אבער... ס'איז ווייל מ'דארף נישט אונען א הבדלה, מ'דארף נישט גיין קויפן, מ'דארף נישט גיין זוכן, מאכט זיך אים שאלות. ער האט געזען א גוי, ער האט געזען אזא לעכט, ער האט געזען אזא לעכט, ווייל מ'מאכט א ברכה אויף א לעכט וואס קומט אונטער.

**Speaker 2:** איך הער. אקעי.

**הלכה כז – אור שהודלק בשבת לחולה ולחיה**

**Speaker 1:** ווייטער, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"אור שהדליקו בשבת לחולה או לחיה"**, פאר א חולה אדער פאר א יולדת, ס'איז בהיתר, מ'האט אנגעצונדן, ס'איז נישט געווען קיין היתר – **"מברכין עליו במוצאי שבת"**, און דעמאלטס מאכט מען א ברכה מוצאי שבת.

**אור שהוקדח מן העצים או מן האבנים**

זאגט ווייטער דער רמב"ם, **"אור שהוקדח מן העצים או מן האבנים"** – א לעכטיגקייט וואס ברענט נישט אויף א לעכט וואס האלט די פלאם, נאר ס'איז אזא שוואכע פלאם, ניצוצות וואס קומט פון עצים און אבנים. זעט מען

אז פון עצים קען אויך קומען אן ממש עס אנצינדן. נאר נאכאמאל, נאכאמאל.

**Speaker 2:** איך האב געדאכט אז עס מיינט אז א מענטש האט עס געמאכט.

**Speaker 1:** א חידוש איז אז עס ברענט, א מענטש האט צוזאמגעריבן צוויי העלצער אדער צוויי שטיינער און געמאכט פון דעם א פייער. איז מ'מאכט אויף דעם מוצאי שבת? קען מען מאכן די ברכה מוצאי שבת?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** **"שהיא היתה תחילת בריאתה בידי אדם"**. ווייל... דער רמב"ם זאגט "שבריאתה לכתחילה". ווייל אזוי האט א מענטש געמאכט. לכתחילה, איינער וועט פרעגן אז א נארמאלע וועג פון מאכן א פייער איז נישט אזוי מיט א שטיינדל. די נארמאלע וועג איז עפעס, איך ווייס נישט פון אן אנדערע פייער, איך ווייס נישט וואס איז די נארמאלע וועג פון מאכן א פייער מיט א מעטש. אבער כמשמעו לן אז דאס איז טאקע לכתחילה, די מענטשן ווען זיי האבן אנגעהויבן צו מאכן פייער האבן זיי אזוי געמאכט. דאס הייסט יא א כשר'ע פייער, עס מיינט נישט אז עס איז א שוואכע פייער, עס איז סתם א מענטש האט ארויסגענומען פון די האלץ.

**דיסקוסיע: וואס איז "פייער פון נעיטשער"?**

**Speaker 2:** כאילו די ווארט איז אז וואס איז געמיינט אז מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן פאר זיין פייער, מיינט עס אז מ'דארף נעמען א פייער פון "נעיטשער" און נישט א פייער וואס א מענטש האט געמאכט?

**Speaker 1:** ניין, ניין. וואס איז דאך א פייער פון "נעיטשער"? פון די גיהנום, איך ווייס נישט פון וואו. ניין, ניין. עס מיינט צו זאגן זאלסט נישט מיינען אז דאס איז א שוואכע פייער דאס.

**Speaker 2:** אקעי.

**Speaker 1:** ער זאגט ווייל די ברכה "מאורי האש" איז אויף די אש וואס **"תחילת בריאתה בידי אדם"**. אזוי שטייט אז... וואס מיינט ער? דער רמב"ם רמז'ט אויף דעם?

**Speaker 2:** לאמיר זאגן אזוי, איך וואלט געטייטשט אזוי, לויט ווי... "תחילת בריאתה בידי אדם" איז געווען מעצים ואבנים.

**Speaker 1:** ניין, אבער די פוינט איז אזוי, **"אבל אין מברכין עליו מוצאי יום הכיפורים"**. מוצאי יום כיפור, אז איינער האט געמאכט יעצט פרישע פייער מעצים ואבנים, מאכט מען נישט דערויף הבדלה. פארוואס? ווייל מוצאי יום כיפור איז דא א ספעציעלע הלכה שאין מברכין מוצאי יום כיפורים. מוצאי יום כיפור מאכט מען די ברכה על האש, זאגט מען "על אור ששבת". מאכט מען אויף א פייער וואס האט געווען אנגעצינדן יום טוב.

**ביאור "נר ששבת"**

**Speaker 2:** "ששבת" מיינט אז עס איז געווען אנגעצינדן ווערט גערופן "ששבת"? אינטערעסאנט.

**Speaker 1:** וואס האט דורכגעלעבט די שבת. "ששבת" וואלט געווען אז עס זאל זיין אויסגעלאשן, יא?

**Speaker 2:** יא, עס זעט אויס אז שבת איז אויך, על פי רוב מאכט מען אויף אזא נר.

**Speaker 1:** אזוי זעט עס אויס. אבער מוצאי שבת קען מען אויך נוצן אזא אור שהוקדה דעמאלטס מוצאי שבת, ווייל דאס איז די וועג. דאס שטייט אז דעמאלטס מוצאי שבת האט אדם הראשון געמאכט א פייער מיט צוויי שטיינדלעך וכדומה. אבער מוצאי יום כיפור האט נישט מיט דעם, דארף מען מאכן א פייער וואס האט יא גערוט שבת.

**דיסקוסיע: וואס הייסט "נר ששבת"?**

**Speaker 2:** וואס הייסט א פייער האט גערוט שבת?

**Speaker 1:** מיינט עס אז מ'האט אנגעצונדן ערב שבת און מ'האט נישט אנגעצונדן בשבת. ס'איז דא א לשון "ששבת", אז ער האט נישט געשובת'ט, ער האט געארבעט, ער איז געווען אנגעצונדן. אדער, אפילו, זאגט דער רמ"א, אפילו שהודלק לחולה או לחיה ביום כיפורים, וואס טוט זיך אויב מ'האט אנגעצונדן די אור, מ'האט געטון מיט דעם כהלכתו, מ'האט אנגעצונדן ערב יום טוב און נישט ביום טוב. אבער אויב מ'האט אנגעצונדן ביום טוב, ביום כיפורים, פאר א חולה, האט מען דאך אויך געטון כתיקונו, ווייל ס'איז דאך דוחה יום טוב. הרי שבת מעבירה, שבת איז מעביר. הרי שבת מעבירה.

**Speaker 2:** ס'האט נישט געטון קיין עבירה, די לעכט.

**Speaker 1:** ס'הייסט אז די לעכט האט שובת געווען?

**Speaker 2:** ס'האט נישט געטון קיין עבירות.

**Speaker 1:** שבת מיינט נישט ער האט גערוט א גאנצע שבת. שבת מיינט, ער האט... ס'פארמיידט אז ער... וואס איז א נר ששבת אנדערש? ס'איז פון די שבת, אבער ס'האט גערוט. ס'האט נישט גערוט, ס'האט זיך נישט אנגעצונדן שבת.

**Speaker 2:** אה, ס'האט זיך נישט אנגעצונדן שבת בחילול.

**Speaker 1:** ס'האט זיך נישט אנגעצונדן שבת בחילול. "ששבת שלא כהלכתו", יא.

**חידוש: שביתה מעבירה**

בקיצור, אין אנדערע ווערטער, וואס מ'לערנט זיך פון דעם איז, אז אויב איינער איז מ��לל שבת אדער יום כיפור פאר א חולה, הייסט עס אז ער האט שובת געווען. ער האט גערוט. איינער קען נישט זאגן, "היינט האב איך מחלל שבת געווען, איך האב נישט געהאט קיין שבת." דו האסט יא גערוט. ווייל רוען שבת מיינט טון וואס די תורה זאגט. רוען פון עבירות. פון די עבירה, נישט סתם פון עבירות, יא, פון די עבירה פון חילול שבת אדער יום כיפור.

ס'איז אויך מאכט זיך אז א איד דארף מחלל שבת זיין, זאל ער נישט זאגן אז ער איז נישט שובת געווען די שבת. ער איז יא שובת געווען. אפילו די נר וואס האט געטון דעם חילול שבת לשם חולה, הייסט נר ששבת. ס'איז דאך פאקטיש, דער מענטש האט נישט מחלל שבת געווען פאר א חולה, ער איז נישט שובת געווען מעבירה, ער האט גערוט, ווייל ער האט געטון די עבירה. ס'איז נאר זייער צודרייט די ווארט "שבות". אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אז נישט עסן יום כיפור הייסט שבות. שבות מיינט נישט קיין עסן, שבת מערן. ניין, מ'קען גארנישט טון די גאנצע שבות, וואס מ'דארף גראדע זיין שבות. בקיצור, ס'איז שובת מכל מלאכה, דאס איז די זאך.

**הלכה כח — נוסח הבדלה פון יום טוב שחל להיות במוצאי שבת**

**Speaker 1:** אקעי, האבן מיר געלערנט יעצט יום טוב, יעצט דארף מען לערנען די נוסח פון יום טוב.

**Speaker 2:** זאל מיר נישט זאגן די נוסח פון הבדלה? הבדלה פון יום טוב?

**Speaker 1:** הבדלה פון יום טוב שחל להיות במוצאי שבת.

**Speaker 2:** אה, ניין, ניין, מיר האבן געלערנט שוין הבדלה פון שבת, האבן מיר געזאגט די נוסח פון הבדלה.

**Speaker 1:** דו האסט שוין געזאגט, יא, יא, לאנג צוריק, ווען מיר האבן געלערנט די פרק. יעצט דארף מען לערנען די נוסח פון הבדלה פון יום טוב.

**Speaker 2:** דו האסט שוין געזאגט, מ'הייבט נישט אן מיט "בורא פרי הגפן" ווייל דו האסט עס שוין געזאגט. דו זאגסט דאך די... יא, די פשט איז ווערט אנדערש.

**Speaker 1:** דו זאגסט **"המבדיל בין קודש לחול"**, אה, יום טוב שחל להיות במוצאי שבת, זאגט ער **"המבדיל בין קודש לחול, בין אור לחושך, בין ישראל לעמים, בין יום השביעי לששת ימי המעשה"**. אז דער רמב"ם ווייל ארויסברענגען אז אפילו ווען ס'איז יום טוב, זאגט ער "בין יום השביעי". ער זאגט נישט "בין יום טוב לשבת". פארוואס נישט? זאגט דער

רמב"ם, **"כדרך שאומר במוצאי שבת"**. פארוואס? **"שסדר הבדלות הן"**. מ'רעכנט אויס זאכן וואס דער אייבערשטער איז מבדיל געווען בין און בין.

#### דיסקוסיע: פארוואס זאגט מען נישט "בין יום טוב לחול"?

פארוואס זאגט מען נישט "הקב"ה איז מבדיל געווען צווישן יום טוב און די טעג ארום"? פארוואס זאגט מען עס נישט? ווייל די רבנן האבן עס מתקן געווען. ניין, דאס איז די נוסח.

וואס איך מיין נאר צו זאגן, הבדלה זאגט מען נישט אויף דעם וואס איז יעצט מוצאי שבת. די נוסח איז דאך אויף אלע זאכן וואס דער אייבערשטער איז מבדיל געווען. סאו וואס גייט מיך אן אז ס'איז נישט יעצט מוצאי שבת? מ'רעדט יעצט אז דער אייבערשטער איז מבדיל געווען צווישן שבת און יום טוב. די איינציגסטע זאך וואס איז א חילוק איז טאקע ווען יום טוב איז מוצאי שבת, דעמאלטס מאכט מען יא, זאגט מען יא די חילוק פון "בין קדושת שבת לקדושת יום טוב". אבער דאס איז א נוסח. ס'איז אינטערעסאנט אז מ'האט עס נישט מתקן געווען. דו קענסט דאך טוישן דא א האלבעווארט, וואלט עס געווען שענער: "בין יום שבת ליום חול", הבדלת. וואלט געווען מער פאסיג פאר יום טוב. מ'האט עס נישט מתקן געווען. פארוואס מ'מאכט הבדלה און קידוש יום טוב איז ווייל ס'איז געווען שבת שבתון. מ'וואלט געקענט טייטשן, וואס איז גערעכט, ווייל ס'שטייט "בין יום השביעי", קען מען נישט אנדערש טייטשן.

#### אין בשמים ונר ביום טוב

אקעי, **"ואין צריכין לברך לא על הבשמים ולא על הנר"**. אויף בשמים און נר מאכט מען נישט קיין מצוה.

**Speaker 2:** דעריבער זאגט מען נישט פארוואס, מ'האט דאך שוין געזאגט פארוואס מ'מאכט בשמים.

**Speaker 1:** אה, דא האט מען שוין געזאגט פארוואס מ'מאכט בשמים.

### הלכות קידוש והבדלה — סיום פרק כ"ט

#### הבדלה במוצאי יום טוב — המשך

### דברי הרמב"ם:

**ואין צריך לברך לא על הבשמים ולא על הנר** מוצאי יום טוב.

### פשט:

מוצאי יום טוב בענטשט מען נישט אויף בשמים און נישט אויף נר — נאר המבדיל בין קודש לחול (און בורא פרי הגפן).

### הערה:

וואלט געווען שבת סתם? אבער וואלט געווען קיין טייטש, ווייל יום טוב איז דאך א יום השביעי, קען מען נישט זאגן.

אקעי, **ואין צריך לברך לא על הבשמים ולא על הנר**. בשמים און נר מאכט מען נישט מוצאי יום טוב.

דער רמב"ם זאגט נישט פארוואס, ווייל ער האט אויך נישט געזאגט פארוואס מען מאכט בשמים און נר. ער גייט שוין יעצט זאגן פארוואס מען מאכט בשמים מוצאי שבת.

---

#### טעם ברכת בשמים מוצאי שבת

### דברי הרמב"ם:

**ואין צריך לברך על הבשמים מוצאי יום הכיפורים, ואין מברכין על הבשמים מוצאי שבת** — נאר יא, אזוי ווערט נישט געזאגט אז ער האט א נשמה יתירה.

**ולמה מברכין על הבשמים מוצאי שבת, מפני שהנפש דואבת ליציאת השבת, ומיישבין אותה ומשמחין אותה בריח טוב.**

#### שיטת הרמב"ם לעומת רש"י

דער רמב"ם טייטשט אנדערש ווי די דברי עובד הנפש, די רש"י דארט טייטשט אז די נשמה יתירה גייט אוועק, דאכט זיך.

דער רמב"ם זאגט "עובד הנפש" — די נפש איז בצער, לשון דאבון, אז ס'גייט אוועק די דערהויבענע יום טוב. שבת, נישט יום טוב. די שבת.

#### הסבר המגיד משנה — פארוואס נישט מוצאי יום טוב

און דער מגיד משנה איז מסביר: ווייל יום טוב האט מען אויך נישט אזוי שטארק גערוט, מ'האט דאך געמאכט אוכל נפש. שבת איז גאר א שטארקע שביתה, און פילט מען זיך שלעכט מוצאי שבת. מוצאי יום טוב פילט מען זיך נישט שלעכט.

אזוי זאגט דער מגיד משנה, מ'ווייסט נישט, טשעק עס אויס צו ס'איז אזוי.

געוואלדיג.

---

#### סיום הפרק

עד כאן הלכות קידוש פון שבת, הלכות שבת פרק כ"ט, און יום טוב.

רייט.

#### מסקנא למעשה — איכות הבשמים

לויט דעם דארף מען טאקע האבן עכטע גוטע בשמים. מ'גיבט עפעס א שמעק, עפעס א גראזל דארט, מכל מקום וואס ס'שמעקט, דאס איז נישט משמח. ס'דארף זיין עפעס וואס מאכט אים משמח. מ'דארף ברענגען א הוקא, מ'דארף מאכן עפעס א מצב, עפעס גוטע גוטע בשמים, וואס מ'ייאשב אותה.

געוואלדיג.

קען מען דאס יעצט איינפירן. דו ווילסט איינפירן אז אלע קינדער זאלן טרינקען א קאפ ווייז, און איך ברענגען הוקאס צו הבדלה.